STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05442

ERETS YISRAEL REFLEKSEN UN ANTIFA'[SHISTISHE] LIDER

Dov Avner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארץ־ישראל רעפלעקסען
און
אנטיפא׳ לידער

2 ביכער אין איין באנד

פון
דוב אַבנֵר

פאַרלאַג „יידיש" • תֵּל־אָבִיב, 1948

ארץ־ישראל רעפלעקסן
און
אנטי־פאשיסטישע לידער

פאעמען, קופלעטן, סאנעטן, דעקלאמאציעס,
עפאפעען, נעקראלאגן א״א״וו

אַדרעס פון מחבר:
רחוב שיינקין 12, תל־אביב

אלע רעכטן זענען רעזערווירט
All rights reserved

Printed in Tel Aviv, Erets Israel
דפוס „ספר״ תל־אביב

אינהאלט פון ערשטן טייל

1. פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — 7
2. הימן (אַ קלאָג־ליד) — — — — — — — — — — 15
3. אַן איינלאַדונג (ליריש) — — — — — — — — — 17
4. קדימה, חלוצים! (דעקלאַמאַציע) — — — — — — — 18
5. ארץ־ישראל־הימל (ליריש) — — — — — — — — 21
6. אם אשכחך, ירושלים (דעקל. און ליריש) — — — — 23
7. תל־אביב (ליריש) — — — — — — — — — — 29
8. רמת־גן (ליריש) — — — — — — — — — — — 32
9. טבריה (ליריש סאטיריש) — — — — — — — — — 34
10. ל"ג בעומר (ליריש סאטיריש) — — — — — — — — 36
11. פראָוואָקאַציע (סאַטיריש דעקל.) — — — — — — — 38
12. פעלאַכן (סאַטיריש דעקל.) — — — — — — — — — 42
13. דער מופטי (קופלעט סאַטיריש) — — — — — — — — 46
14. אַ מין ווייס־בוך (קופלעט סאַטיריש) — — — — — — 47
15. צוויי שפּראַכן (קופּלעט סאַטיריש) — — — — — — 49
16. דער א"ב זיך געקריגט (קופּלעט סאַטיריש) — — — — 51
17. פאַראייניג זיך, מיין פאָלק! (קופּלעט) — — — — — 53
18. היים, זיסע היים (ליריש, איבערגעזעצט פון ענגליש) — 56
19. אַ בריוו צו מיין שוויגער (דעקל.) — — — — — — 57
20. שכונת־שפירא (סאַטיריש דעקל.) — — — — — — — 60
21. אין מדבר (סאַטיריש דעקל. אויך ליריש — — — — 66
22. אַ ווונש צום נייעם יאָר (ליריש) — — — — — — — 67
23. ד"ר הערצל (נעקראָלאָג) — — — — — — — — — 68
24. באָרוכאָוו (נעקראָלאָג) — — — — — — — — — 71
25. טרומפעלדאָר (עפּאָפּעאַ און נעקראָלאָג) — — — — — 74
26. ברענער (נעקראָלאָג) — — — — — — — — — — 77
27. מיט שטומען צער (הזכרה) — — — — — — — — 79
28. העלדנמוט (עפּאָפּעא) — — — — — — — — — — 81
29. א יידישע רעפּובליק (דעקלאַמאַציע) — — — — — — 83
30. טענות צום רבונו של עולם — — — — — — — — 86
31. די געטאָ — — — — — — — — — — — — — 92
32. דער יידישער בוים (ליריש) — — — — — — — — 95
33. יתומים — — — — — — — — — — — — — 96
34. א שותפות־קיך (סאַטיריש) — — — — — — — — 98
35. אין א קיבוץ (קופּלעט) — — — — — — — — — 100
36. פרנסה (קופּלעט) — — — — — — — — — — — 102
37. אמתע יידישע פרומקייט (דעקל.) — — — — — — 105
38. באַלפור־דעקלאַראַציע, (סאָנעט סאַטיריש) — — — 112
39. ארץ־ישראל־מאַנדאַט — — — — — — — — — — 113
40. מידה כנגד מידה — — — — — — — — — — — 114
41. פרדסים — — — — — — — — — — — — — 115
42. לעבודת הבורא — — — — — — — — — — — 116
43. צו שפּעט — — — — — — — — — — — — — 117
44. לאַכן — — — — — — — — — — — — — — 118

45. ברוינע העמדלעך — 119
46.ביים שפת הים — 120
47. דער נייער דור — 121
48. אַ קינד — 122
49. סאַברעס — 123
50. א דעמאָקראַטישע רעפובליק — 124
51. שדים, מזיקים — 125
52. עטיק און עסטעטיק — 126
53. אין ארץ־ישראל (דעקל.) — 127

אינהאלט פון צווייטן טייל

1. פאָרוואָרט — 131
2. אויס אייפערזוכט (סאטירישע דעקלאמאציע) — 135
3. היטלער (קופלעט סאט.) — 138
4. א ווילדער סריס (ליד סאט.) — 141
5. א נייער יום טוב — 143
6. שפאניע (אנטיפא. דעקל.) — 145
7. דורך יידן (קופלעט) — 147
8. צו פוילנס רעגירער (פּאָעמע און דעקל.) — 149
9. רוסלאנד און דייטשלאנד — 155
10. אין נאָמען פון קולטור — 159
11. א בקשה צו די זון (ליד און דעקל.) — 164
12. דייטשלאנד און די יידן (פּאָעמאַ און דעקל.) — 168
13. איבער מענשן (סאָנעט סאט.) — 176
14. היינריך היינע — 177
15. עמלקים — 178
16. בערנארד לעקאש (עפּאָפּעאַ סאָנעט) — 179
17. נצח ישראל לא ישקר — 180
18. געבורט קאָנטראָל (סאָנעט) — 181
19. דייטשלאנד (פריי, נאָך היינע) — 182
20. אטאָמען (פּאָעמא־דעקל.) — 183
21. נקמה (סאָנעט סאט.) — 186
22. גרויס בריטאניע (ליד.־סאט.) — 187
23. זשאָרעס (נעקראָלאָג) — 189
24. שלום שווארצבארד (עפּאָפּעאַ) — 190
25. זעלבסט־שוץ (עפּאָפּעאַ) — 191
26. אַרמאיסטיס (פּאָעמאַ) — 193
27. פּאָרווערטס סאַניטאַרן (מאַרש) — 194
28. אתה בחרתנו (ליריש) — 195
29. שלאָף מיין אוצר (אַ וויג ליד) — 197

פאַרוואָרט

ווי די ליבע לעזערס קענען זען פון די באַצייכנונגען אונטער די לידער, דעם אָרט און דאַטום ווו און ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן, דאַן קען מען לייכט באַגרייפן, אַז דער מחבר האָט אַרומגעוואַנדערט פיל יאָרן, און אַז די דאָזיגע שריפטן זענען אויך א פועל יוצא פון אַן ערך פינף און צוואַנציג יאָר צייט. אָבער ליידער האָב איך ביז היינט ניט געהאַט די מעגליכקייט צוליב פאַרשידענע סיבות צו פאַרעפנטלעכן אפילו א טייל פון מיינע שריפטן, א חוץ מיין ערשטן בוך וועלכעס איז דערשינען אין יאָר 1922 אין לאָנדאָן מיטן טיטל „די האַרפע פון אַן ארבייטער פאָעט״ אונטערן נאָמען פון בערנאַרד אדערבערג. (דאָס איז געווען מיין פריערדיגער נאָמען) ערשט לעצטנס האָב איך אויסגעקליבן א רייע לידער און דעקלאַמאציעס, סאָנעטן און קופּלעטן א.א.וו. וועלכע זענען מיר נענטער צום הארץ און איך גיב זיי ארויס מיטן טיטל „ארץ ישראל רעפלעקסן״ און איך ווידמע דאָס דאָזיגע בוך צום אָנדענקן פאר מיין אונפארגעסלעכן ליבן און טייערן בן יחיד הימן זכרונו לברכה, וועלכער איז פון מיר אָפּגעריסן געוואָרן בדמי ימיו ממש, פונקט ווי א יונגע קנאָספּע וועלכע האָט געזאָלט ווערן א וווּנדערבארע רויז — אָבער זי האָט ניט באַוויזן אפילו צו עפנען מער ווי קוים עטלעכע שפּיצן פון אירע יונגע בלעטלעך, איז זי שוין אָפּגעפליקט געוואָרן דורך אַ גרויזאַמע האַנד. אָט אַזוי האָט דער גרויזאמער שיקזאל, אזוי זער אומצייטיג, אָפּגעריסן מיין ליבן און טייערן בן יחיד פון מיר און פון די וועלט וועלכע ער האָט אזוי שטאַרק ליב געהאט, ער האָט איר געזען אזוי העל ליכטיג! — און אין זיין קרענק האָט ער נעבעך אזוי שטארק געגאַרט צום לעבן! — ער האָט געלעבט סך הכל עלף יאָר מיט עלף חדשים בערך, דאָס ערשטע ליד פון דעם דאָזיגן בוך איז דירעקט אים געווידמעט געוואָרן, דאָס איז אַ קלאָג ליד וועלכעס איז געשריבן געוואָרן אין דעם צווייטן טאָג פון זיין שבעה. און אום די ליבע לעזערס זאָלן קענען גענוי פארשטיין די קוריאָזע פערזן פון דעם דאָזיגן קלאָג ליד, דאַן מוז איך ווייניגסטנס געבן עטליכע קורצע שטריכן פון די ביאָגראפיע פון זיין זער קורצן אומגליקלעכן לעבן. איך וועל פּרובירן צו זיין אָביעקטיוו אויף וויפיל עס איז נאָר מעגליך.

ער איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן דעם 10־טן אפּריל 1920. איך האָב אים געגעבן ניט קיין זער פּאָפּולערן תנכ׳ישן נאָמען הימן. דאָס איז דער נאָמען פון דעם משורר ביי דוד המלך. מיטן דאָזיגן נאָמען רופן זיך אויך ענגלענדער. דערמיט האָב איך אויך יוצא געווען ביי די קרובים פון מיין פרויס צד וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַן ענגלישן נאָמען.

דעם 6־טן יוני 1923 בין איך געפאָרן נאָך ארץ־ישראל אליין — און פּונקט צום יאָר האָב איך אַריבערגענומען מיין ליבע פרוי מיטן טייערן בן יחיד, און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — האָבן די 10 טעג רייזע אין מיטן זומער פאַרשאַט דעם פיר יעריגן דעליקאַטן קינד. ער איז אויפן וועג געוואָרן אָנגעשטעקט מיט טיפוס באַקטעריעס, און ס׳איז שוין געווען צו שפּעט אים צו פאַרהיטן. און אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער קראַנק געוואָרן אויף בויך טיפוס. מ׳האָט נאַטירליך זיך שטאַרק באַמיט, אום אים געזונט צו מאַכן, און לכבוד זיין געזונט ווערן האָט מען איינגעלאַדן זער פיל געסט און געמאַכט אַ גרויסע שמחה מיט מוזיק און טענץ. ער איז געווען אַ קינד מיט אַן אויסערגעוועגליך גוט קעפּל, און צו דעם האָט ער געהאַט אַ גרויסן חשק צו לערנען, און אַן אונטערשיד וואָס — אַלץ האָט ער געוואָלט קענען און וויסן! נאָך זיין קרענק האָט ער אָנגעפאַנגען צו גיין אין אַ גן ילדים. ער האָט דאָרט פאַרברענגט ניט מער ווי 6 חדשים און ווען ער איז אַלט געוואָרן 5 יאָר האָט ער זיך געשעמט צו גיין אין אַ גן ילדים. אָבער אין אַ בית ספר נעמט מען אַריין נישט קיין יונגערע פון 6 יאָר, האָב איך דאַן געמוזט זאָגן אַ ליגן אַז ער איז שוין 6 יאָר אַלט, און אַזוי ווי ער איז געווען הויך געוויקסיג, האָט מען געגלויבט. דאָס האָט אים זער דערפרייט. ער האָט זיך ווונדערבאַר געלערנט, אַזוי אַז אין 6 חדשים אַרום אין מיטן שול יאָר איז ער שוין אַריבער אין כיתה ב׳ און נאָך אין 6 חדשים אַרום ס׳הייסט צו ענדע פונעם ערשטן שול יאָר איז ער שוין אַריבער אין כיתה ג׳. זיין ליבע מוטער פלעגט מיט אים רעדן כסדר נאָר ענגליש, און איך עברית און יידיש. דאַן איז מיין פרוי מיט אים געפאָרן פון ירושלים נאָך לאָנדאָן אויף איר איינציגן ברודערס חתונה. זיי זענען דאָרט פאַרבליבן 7 חדשים, האָט זי דאָס קינד דערווייל אַריינגעגעבן אין אַן ענגלישע שולע, און ווען זיי זענען צוריק געקומען נאָך ירושלים האָט דאָס קינד שוין געקענט לעזן און שרייבן ענגליש. ווען ער איז אַלט געוואָרן 8 יאָר האָב איך אים געלאָזט לערנען פידל שפּילן. איך האָב אים אויך געלערנט שאַך שפּילן. נאָך אַ סדרה לעקציעס האָב איך מיט אים געשפּילט אַן מיין מלכה — זענען מיר געווען רעמי! אין זיין בית ספר אין ירושלים איז ער שטענדיג געווען דער בעסטער תלמיד פון זיין כיתה, און אַלע הינזיכטן — זיינע מורים האָבן אים זער ליב געהאַט,

זיי האָבן אים שטענדיק זער געליבט פאַר מיר און פאַר דעם מנהל פון דעם בית ספר. ווייל אויסער זיין גוטן קעפּל און גרויסן חשק צום לערנען איז ער געווען זייער זויבער און אין מוסטערהאַפטער אָרדנונג.. קיינמאָל ניט ארומגעשטיפט, ניט געקריגט זיך מיט זיינע חברים, קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיגט. אין געגנטייל, געווען שטענדיק דער ערשטער. זיינע העפטן און ביכער זענען שטענדיק געווען אין בעסטן אָרדנונג. קיינמאָל ניט פאַרפלעקט, איבערהויפּט אין אַלע זאַכן איז ער געווען זער פּונקטליך — קיין מאָל נישט געמאַכט קיין טעות אין חשבונות. יעדע זאך: קליין ווי גרויס האָט ער שטענדיק געוויגן און געמאָסטן, אלעס גענוי אויסגעפּאָרשט און זער גוט פאַרשטאַנען! ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען געאָגראַפיע, האָב איך אים געקויפט דעם באַקאַנטן וועלט אַטלאַס פון זשאַבאָ־טינסקי—פּערלמאַן. האָט ער זיך דערמיט זער דערפרייט, און ער האָט זיך צוגע־כאַפּט מיט גרויס חשק צו לערנען געאָגראַפיע און אין אַ יאָר אַרום האָט ער שוין געצייכנט מאַפּעס בעל פּה! ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר האָט ער זיך פאַרקילט און באַקומען אַן אַנגינע. האָט ער ניט געקענט איינזיצן אין דער היים און פיל טעג פאַרפעלן דעם בית ספר! און אזוי באלד ווי ער איז נאָר בעסער גע־וואָרן — האָט ער שוין געוואָלט לויפן לערנען אין בית ספר. נאַטירליך האָב איך ניט איינגעשטימט — ביז מ'וועט פרעגן דעם דאָקטאָר, און צום אומגליק האָט דער דאָקטאָר אים צוליב געטון, און דערלויבט צו גיין אין בית ספר. דאַן האָט ער לייכט געכאַפּט אַ נייע פאַרקילונג וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעוומאַ־טיזם, צוליב דער ניט גוט אויסגעשטאַנענער אַנגינע. דער דאָזיגער רעוומאַטיזם איז אים גלייך אריין אין הארצן, וועלכעס איז אים זייער שטארק געשוואָלן געוואָרן, אזוי אז א דאָקטאָר האָט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ פון גרויס איבעררעשונג. ער האָט נעבעך אָפּגעקרענקט א לענגערע צייט. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן יעדן מין ספּאָרט, ווייל ער האָט ניט געטאָרט און ניט געקענט לויפן, און דאָס וווּנדערבאַר־פלייסיגע יינגל איז געוואָרן אומגליקליך. אָבער מערקווירדיג — ער האָט גיך שלום געמאַכט מיט זיין ביטערן גורל און געזאָגט: פאַרפאַלן, וועל איך ניט זיין קיין ספּאָרטלער און קיין פיזישער ארבייטער — וועל איך זיין א ביוראַליסט, א שרייבער, אָדער וועלכע אנדערע אינטעלעקטועלע פּראָפעסיע. צו יענער צייט האָב איך פאַרמאָגט אַן אייגענעם טעלעסקאָפּ, פון פיר מיט אַ האַלבן אינטש אין דיאַמעטער, איך האָב זיך דאַן פאַראינטערעסירט מיט אַסטראָנאָמיע, האָט מיין זונדעלע אויך געוואָלט עפּעס זען און וויסן — און פאַקטיש האָט ער פיל בעסער געזען און פאַרשטאַנען, דאָס דאָזיגע ניין־יאָריגע יינגל, פון אנדערע דערוואַקסענע מענטשן, פון מיינע באַקאַנטע און שכנים, וועלכע זיינען אויך געווען בייגעריג

עפעס צו זען. איך האָב אַ מאָל אָנגעשטעלט דעם טעלעסקאָפּ, געריכטעט צום יופּיטער, און איך האָב מיין זונדעלע דאָן געגעבן אַ לייכטע און קורצע אויפקלע־רונג וועגן „ליקוי לבנה" ביי אונז — און אַז אויף דעם יופּיטער קומען אויך פאָר „ליקוי לבנה'ס", פיל אָפטער ווי ביי אונז — צוליב זיינע פיל סאַטעלייטס (לבנה'ס), און איך האָב אים בכיוון ניט געזאָגט, אַז אין דעם זעלבן מאָמענט קומט דאָרט פאָר אַ „ליקוי לבנה" — האָט ער מיר אַליין מיט גרויס שמחה געמאָלדן, אַז ער זעט דאָרט יעצט פאַקטיש אַ „ליקוי לבנה", ביי איינע פון זיינע לבנה'ס, און האָט מיר גאַנץ גענוי געשילדערט די פּאָזיציע וועלכע ער זעט; כדי מיך צו איבערצייגן — איז ער גיך אריין אין שטוב און אָנגעצייכנט אַ מאַפּע פון דער פּאָזיציע וועלכע ער האָט געזען. איך בין אַליין פשוט איבערראַשט געוואָרן פון קינד — און אויך ער איז איבערראַשט געוואָרן פון זיין אַנטדעקונג. ער האָט גענוי אָפּגעצייכנט אַלע לבנה'ס פון דעם יופּיטער. אַן אַנדערס מאָל האָט ער אויך געצייכנט אַ מאַפּע פון אונזער לבנה, מיט אירע טיפע טאָלן (די געוועזענע ימים) און אירע זייער הויכע אייז־בערג, וואָס ער האָט געזען דורכן טעלעסקאָפּ, און זייער איבערראַשט געוואָרן פון דעם סאַטורן, מיט זיינע פייערדיגע רינגען ארום אים.

נאָכן חודש אב תרפ"ט (1929), נאָך די אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען און שחיטות אין ארץ־ישראל אויף יידן — האָט מיין ליבע פרוי באַקומען אַ נערוון־דערשי־טערונג, און סיי צוליב איר און סיי צוליב היילן מיין אומגליקלעך קינד, זענען מיר דאָן געפאָרן נאָך פּאַריז. זיי זענען טאַקי פיל בעסער געוואָרן אין געזונד. מיין זונדעלע, וועלכער איז דאָן אַלט געווען ביי 10 יאָר, האָט אָנגעפאַנגען גיין אין אַ פראַנצויזישער שולע, און באַלד ביים עקזאַמינירן האָט אים דער שול־דירעקטאָר געקושט אין קעפּל, טראָצדעם וואָס ער האָט געוווּסט אַז ער איז אַ ייד! ער איז גלייך אריין אין די צווייטע קלאַס, לעזן, האָט ער געקענט, ווייל די ערשטע עלע־מענטאַרע אונטעררינכט האָב איך אים געגעבן נאָך אין ירושלים פאַרן אוועקפאָרן. און אין זעקס חדשים שפּעטער, אין מיטן שול יאָר, איז ער אריבער אין די דריטע קלאַס. און צום סוף פון ערשטן יאָר, אין די פערטע קלאַס! ער איז אויך אין פּאַריז שטענדיג געווען דער בעסטער שילער פון זיין קלאַס אין אַלע הינזיכטן, ער האָט כסדר באַקומען פיל גוטע אויסצייכנונגען און אויך מתנות טייערע ביכער פון זיינע שולעס, פאַר אַלע טיילן פון זיינע לימודים, ווי לעזן, שרייבן, חיבורים, אַריפמעטיק, היסטאָריע, געאָגראַפיע, צייכנען א. א. וו. און גוטע אויפפירונג בכלל. ער האָט מחבר געווען דעצייילונגען פאַר קינדער, אין פראַנצויזיש און אין עברית און געשריבן שירים ווי אַן אמתער פּאָעט! — אויך אין פּאַריז האָט מיין

פרוי מיטן קינד כסדר גערעדט נאָר ענגליש, און איך עברית און יידיש, ביידע צוגלייך! — ער האָט זיך אין פאריז אויך פארפאַלקאָמט אין עברית, לעזנדיג טעגליך דעם „דבר" פון תל־אביב און אויך דעם „פאריזער היינט" אויף יידיש, אויסער ליטעראטור, וויסנשאַפטליכע ביכער — אויף פארשידענע שפראכן — ממש א קליינער זשעני, איז דאָס דאָזיגע קינד געווען, גערעדט האָט ער אויף זעקס שפראכן, אפילו אראביש האָט ער זיך אויסגעלערנט אין ירושלים, אויפ־כאפנדיק פון די גאס, און פראקטיצירט האָט ער אין פאריז מיט אלזשיריאנער — צווישן מיינע קליענטן, און שפּאַניש, האָט ער אויך אויפגעכאַפּט פון גאס אין ירושלים פון די שפאניאָלישע יידן, און פראקטיצירט האָט ער פון דעם זעלבסט לערער, וואָס איך האָב געקויפט פאר זיך. אפילו עספּעראַנטאָ האָט ער זיך אליין געלערנט אויך פון מיינעם א זעלבסט לערער, יידיש האָב איך אים געלערנט, און ער האָט געשריבן צו זיין זיידן נאָך לאַנדאָן שיינע יידישע בריוועלעך, און דער זיידע האָט געהאָט פון אים נחת — יעדער האָט מיך פשוט מקנא געווען, אזא וואונדערבאר קינד. ווער עס האָט נאָר מיט אים גערעדט איין איינציג מאָל, האָט ער אים ליב געקריגן. אין די ביזי־טעג, ווען מיר זענען געווען זייער באשעפטיקט, און ווען ער איז געווען פריי פון דער שולע — האָט ער זיך אליין געכאפט און האָט זיך אוועק געשטעלט ביים קאנטאָר, ווי א דערוואַקסענער מענטש, און האָט געגומען „קאסע". די פראנצויזן האָבן געקוואָלן פון אים, און א חוץ די פרייזן וואָס זיי האָבן געצאָלט האָבן זיי מיט א ברייטע האנט אים געגעבן עקסטרא „טרינק געלט" פאר זיין באחנ'טן איינקאסירן.

צו יענער צייט איז פאָרגעקומען א חתונה ביי מיין פרויס א קוזין אין פאריז. נאטירליך זענען מיר אלע אָנוועזנד געווען, האָט זיך דאן מיין זון פארקילט, ניט וויסנדיג אפילו ווי אזוי — ווייל מ'האָט אים גאנץ גוט אָפּגעהיטן, און ער האָט באקומען „סקארלאטין". דאָס איז געווען זייער געפערליך ביי א קינד אין זיינע יאָרן, און צו דעם איז נאָך מער אומגליק געווען וואָס די נאטור האָט געהאט באהאלטן פון אונז די סימנים פון די דאָזיגע געפערליכע קראנקהייט. אזוי, אז אפילו א גוטער קינדער־דאָקטאָר, א ספּעציאליסט, האָט אויך ניט גלייך געוווסט, וואָס זיין קרענק איז געווען. און ער האָט פרובירט זיין היץ צו פארטרייבן. דאָס איז געווען זייער געפערליך! און ער האָט נאטירליך זיין קרענק פארערגערט. ער האָט אזוי ארום די סקארלאטין געטריבן אין זיין הארץ אריין. און עס האָט אויפסניי אויפגעשטורמט זיין שטיל געוואָרן רומאטיש הארץ... און ניט לאנג האָט געדויערט, און עס האָט צוגעשלאָגן נאָך א שרעקלעכע קאָמפּליקאציע — דיפטעריט און ער איז געווען פארלוירן! דער פּראָפעסאָר פון בעסטן קינדער שפּיטאל אין

פאַריז, אין וועלכן דאָס קינד האָט דאַן זיך געפונען, האָט זיך די גרעסטע מי געגעבן אים צו ראַטעווען. ער האָט אָנגעווענדעט די נייעסטע מיטלען פון די מעדיצינישע וויסנשאַפט, אום אים צו היילן. אָבער ליידער האָט גאָר ניט געהאָלפן. מהאָט אים בלויז נעבעך אומזיסט געמאַטערט! מ׳האָט אויפגעהאַלטן זיין לעבן וואָכן לאַנג, אויף אַ קינסטליכן אופן. מיט פאַרשידענע עקספּערימענטן און איינשפּריצונגען, אפשר דאָך?... און ביזן לעצטן אָטעם־צוג — האָב איך אליין אויך נאָך אַלץ געהאָפט — און ליידער האָט מיין אומגליקליך קינד, אליין, בעסער פון אונז אַלעמען פאַרשטאַנען זיין ביטערן און גרויזאַמען שיקזאַל! ער האָט גוט געוווּסט און אינסטינקטיוו געפילט אַז לאַנג וועט ער ניט אויסהאַלטן. ער האָט אויך זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די דעבאַטן פון זיינע דאָקטוירים. ער האָט אַלע הויכע טעכניש־מעדיצינישע פאָרמולעס געגנוי פאַרשטאַנען און ער האָט אפילו אַמאָל אָנטייל גענומען אין זייער דעבאַטע וועגן אים — זיי זענען פשוט דער־שטוינט געוואָרן! אַז דאָס אויסלענדישע יידישע יינגל איז אַזוי אינטעלעקטועל און ווייסט זייער סוד — פון דאַן אָן האָבן זיי זיך שוין פאַר אים געהיטן צו ריידן. זיי האָבן אים געטרייסט, אָבער ער האָט זייער טרייסט ניט אָנגענומען. ער האָט צו זיי געזאָגט, ציט זיך ניט צוריק, טרייסט מיך ניט ווי אַ קינד, מיר וועט איר ניט איינרעדן איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מיינע טעג זענען געציילטע. איך וויל זייער גערן לעבן, ניט שטאַרבן, איר קענט דאָך אָבער מיך ניט ראַטעווען — ווייל איך דאַרף אַ נייַ האַרץ, און מיך אליין האָט אויך דאָס קינד געבעטן אַז איך זאָל אים ניט מצער זיין מיט מיין טרייסטן. אַז די זון וועט נאָך אויפשיינען — יאָ האָט ער געזאָגט: די זון, זי וועט נאָך זיכער אויפשיינען, אָבער שוין ניט פאַר מיר. איך עקזיסטיר שוין ניט מער, אַ היים קומען פון דאַנען וועל איך שוין ניט מער! איך ווייס צו גוט אַז מיינע טעג זענען געציילטע. זיי האַלטן מיך בלויז אַביסל אויף קינסטליך און מאַטערן מיך מיט איינשפּריצונגען פאַרשידענע, צו וואָס טויג דאָס די עקספּערימענטן אויף מיר? — דאָס קינד האָט מיך ניט געוואָלט צופיל מצער זיין, האָט ער מיר גאָר ניט דערציילט אַז ער בלוטעט שוין פון האַרץ! און ער שלאָפט ניט שוין פיל נעכט — דאָס האָב איך דערפאַרן פון די עלטסטע שפּיטאָל־שוועסטער און זיין מוטער האָט ער נאָך ווייניגער דערציילט וועגן זיך און ער האָט איר כלומר׳שט נאַאיוו געפרעגט, אויב זי קען נאָך האָבן נאָך אַ קינד? — ער איז געבליבן אַבסאָלוט ביים פולקאָמענעם פאַרשטאַנד ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן! דעם לעצטן טאָג ווען מ׳האָט אים געגעבן זויער שטאָף פאַר קינסטליכע אָטעמונג, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ געבעט, כ׳בעט דיך זייער פּאַפּאַ, נעם דאָס אוועק פון מיר, ס׳איז בלאָף! ס׳וועט מיר שוין גאָר ניט העלפן. איך האָב

זיך קוים איינגעהאלטן פון צו וויינען אין זיין געגנוואַרט — האָב איך זיך אַראָפּ־געבויגן אים קושן, האָט ער נאָר מיט גרויס רחמנות אויף מיר — געגלעט מיין קאָפּ מיט זיין בלאַסן צאַרטן הענטל. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט שוין געהאַט די שוועסטער ארומגעשטעלט א שפּאַניש ווענטל ארום זיין בעט, ווייל ס׳איז שוין געווען די לעצטע שעה׳ן פון זיין אומגליקליכן זייער קורצן לעבן. האָט ער דאָס נעבעך ניט געקענט פאַרטראָגן. האָט ער איר געהייסן דאָס אַוועקנעמען פון זיך — זי האָט אָבער ניט געפאָלגט — דאַן האָט ער גענומען שרייען מיט זיין לעצטן ביסל כוח אַזוי ווי א קליין שוואַך הינדעלע: נעם אַוועק! איך וועל נעמען פון דיר נקמה! נעם אַוועק! אוי! איך שטאַרב! און פאַר וואָס!? — מיט צער און צאָרן וואָס מ׳האָט אים פאַרמאַכט מיטן ווענטל, און מיט די אויסרוף פאַר וואָס שטאַרב איך, פאַר וואָס? — האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. יעדן האָט ער דערקענט און האָט אַלעס געוווּסט ביזן לעצטן אָטעם־צוג! — און איך האָב דייטליך געהערט ווי אַזוי זיין הארץ איז געוואָרן צוריסן — זייער ענליך ווי א שפּרונג פעדער פון א טאַשן זייגער וואָלט געפּלאַצט. דאָס האָט פּאַסירט אין א טומאַניש פינסטער געוואָרענעם טאָג אין פּאַריז 5 אזייגער פאַרנאַכט דעם זעקסטן מאַרס 1932. ערע און אכטונג זיין טייערן אָנדענקען! חבל על דאבדין ולא משתכחין. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

תל־אביב, דעם 6־טן מאַרס 1946.



דאס איז דאס בילד פון מחבר מיט זיין בן יחיד און זיין פרוי

הימן

א קלאָג ליד געווידמעט מיין אומפאַרגעסליכן איינציגן טייערן זון הימן, זכרונו לברכה, געשריבן אין דעם צווייטן טאָג פון זיין שבעה, אין פאריז דעם 8טן מארס 1932.

אוי! ווי וועל איך דאָס איבערהאַלטן!?
אַזאַ וואונדער קינד ווי מיין הימן,
אין פינסטערן קבר צו באַהאַלטן.
קיין גרעסערער צער ניט פארהאן!

דער טאָג איז פאַקטיש פינסטער געוואָרן!
ווען ער האט זיינע שיינע קלוגע אויגן,
פאַרמאַכט אויף אייביג מיט צאָרן,
ער האט אלעס געמאסטן געוויגן.

געבליבן ביים פולן פאַרשטאַנד!
ביז דעם לעצטן מאָמענט
פון זיין לעבן, — ביזן ראַנד,
יעדן האט ער דערקענט.

מיט צער'פולן אויסרוף, פאַרוואָס!?
עפן! — איך וועל נעמען נקמה!
אוי! איך שטארב — פארוואס!?
אזוי, אויסגעהויכט זיין טייערע נשמה.

צוועקלאָז! איז איצט מיין לעבן.
אָן מיין טייער באַליבט קינד.
מיין אידעאל – מיין שטרעבן,
צו דערציען אַ מוסטער־קינד!

טאַקי געווען! – ביז אַ יאָר צוועלף.
אלע מענשן! האבן אים געליבט.
צו זיין קרענק, געווען קיין הילף!
געבליבן זענען מיר שרעקליך באַטריבט!

א וואונדער־קינד! געקענט זעקס שפראכן,
געווען א זשעני! – דער קליינער,
באגריף – פון אלע געביטן, זאכן.
געאָגראַף, פּאָעט, ליטעראַט, קינסטלער.

פארשטאנען, און געליבט מוזיק.
אין אַסטראָנאָמיע! געגריבלט מיין קינד.
שאַכמאַטיסט, וואונדערליך מאַטעמאַטיק!
ווי טראַגיש! צו פאַרלירן אַזאַ קינד.

מיין פעדער, – מיין מח צו שוואַך!
אויסצודריקן אין שריפט אין וואָרט,
מיין קלאָג, מיין האַרצבראַך!
מיין וואונדערקינד אויפן גוטן אָרט.

ניט בלויז מיר, – אלע מענשן!
ווער אים געקנט, אייביג געדענקן.
יעדער! – מיט אים זיך בענשן,
ערע! זיין טייערן אנדענקן.

אן איינלאדונג

לירייש — געשריבן אין לאָנדאָן אין 1922

ליבע און טייערע קאמעראדן!
איר זענט הערצליך איינגעלאַדן;
אראפ צוווארפן פון זיך דיליידן.
פון די ערגסטע צווי: פוןביידן!

פון שענדליכן גלות, און קאפיטאליזם!
מיט די הילף פון סאציאלן ציוניזם.
אין ארץ ישראל, אין אייער לאנד!
שטרעקט אַ ברודער, צו אייך אַ האַנד,

ער איז זער א באגייסטערטער,
ווייל: ניט מער קיין געמייסטערטער!
ארבייטן פריילעך אויף זייער פעלד!
זינגענדיג לידער פון א יידישן העלד.

וואָס האָט זיין לעבן אַוועק געגעבן!
פארן פאלקס אידעאלן שטרעבן.
אייך רופן די פּיאָנערן,
אהיים — זיך אומצוקערן.

זייער רוף איז א פרידליכער,
א ברידערליכער, א ליבליכער.
מיטן אקער אייזן אין האנד,
באפרייט זיך און אייער לאנד.

קדימה חלוצים

(דעקלאמאציע)

ליבער ברודער, חלוץ אידעאַליסטישער.
בענשן דאַרף מען דיינע הענט!
דו בראַווער בויער סאָציאַליסטישער!
פון יעדן! — מוזט דו ווערן אנערקענט.

דו באַקעמפסט די ווילדע נאַטור,
מיט דיין שטאַרקע, מוסקולעזע האַנד!
שאַפסט אַן אינטענסיווע אַגריקולטור,
בויעסט אַ זעלבסשטענדיג פריי לאַנד!

קיינעמס לאַנד, נעמסטו אַוועק קיינמאל!
דו קויפסט, אַ שטיק מדבר זומפיגע!
אין דעם פאַרוויסטן ארץ ישראל,
ביי רייכע עפענדים, פוילע, לומפיגע!

דו באַצאָלסט זיי אוצרות גאָלד!
פאַר דעם זומפיגן שטיקל לאַנד.
זיי באַטראַכטן דיך אַלס יאָלד!
צו קולטיווירן, — ניט אומשטאַנד.

אָבער די חלוצים שרעקט קיין זאַך!
פאַרוואַנדלען אַ מדבר אין אַ גן עדן!
שטיינערנע בערג מאַכן זיי פלאַך.
טריקענען אויס זומפן מיט פריידן.

פוילן זיך ניט ארבייטן אין היצן.
ווען געפערליך הייס ביים ים המלח,
טוען זיי אויך ניט ליידיג זיצן
ארבייטן ענערגיש, ניט פאמעלעך.

ווי פארשטאפן די מיילער, שונאי־ישראל,
וואס שרייען: אלע יידן שאכער־מאכער.
די חלוצים ווייזן אין ארץ־ישראל,
מיר זענען פון אַנדערע ניט שוואַכער

ניט אין גייסט, ניט אין קראפט.
מיר באַקעמפן מאַלאַריע פיבער!
ציען פון וויסטן מדבר זאפט,
מיר שטייגן נאך אנדערע אריבער.

ליבע ברידער, חלוצים בראווע.
מיר זענען מיט אייך שטאלץ!
די פרעמדע וועלט קוקט טשיקאווע,
ווי אזוי איר שניידט קלעצער האלץ.

אייזן־בעטאָן און שטאָל, איר מאַכט,
איר האקט ווילדע פעלזן־שטיינער!
מיט מוט און פרייד איר לאכט,
חלוצים חלוצות, אלע ווי איינער.

איר זענט גליקליך ווי די וועלט!
צו העלפן אייער לאנד בויען,
געווים ניט בלויז צוליב געלט,
און ניט צוליבן הימעל בלויען.

ס׳רינט פון אייך דער שוויס.
איר הארעוועט זער שווער!
אייך ארט ניט ס׳איז הייס,
ווייל ס׳איז אייך ליב זער!

צו זיין א ציגל צום בנין,
א שטיין צו די מויער!
מידקייט: פאר אייך קיין ענין,
צרות: פאר אייך קיין טרויער.

בראַווע ברידער און שוועסטער מיינע.
גרויסע צילן האט איר אין זינען.
חלוצים, חלוצות יעדער, יעדע איינע,
אַ נייע קולטור! טוט איר שפּינען.

איך וועל דערציילן אייערע סודות
צו אלע פּראלעטאריער אין גלות.
ווייל איר לעבט אויף קאָמוניסטישע יסודות!
דארום האט איר קיין מורא פאר מפּלות.

איך גיב אייך מיין הייסע ברכה!
און ווינטש אייך מיטן גאנצן הארץ:
איר זאלט האבן גרויס הצלחה!
קדימה חלוצים! חזק ואמץ!

תל אביב 1936

ארץ ישראל הימל

פארהאנען פארשידענע הימלען,
בלויע, פארנעבלטע, גרויע ווי בליי.
זיי מאכן טרויעריג און דרימלען.
עס איז פאר קיינעם ניט ניי.

דער ארץ ישראל הימל, וואונדער שיין!
ער באצויבערט, מיט זיין טיף בלויען.
אין ערגיץ! — אַזאַ הימל געזען.
ער טוט אונז סודות פארטרויען.

א מאגישע קראפט ציט צו בליקן,
צו דעם געהיימניספולן מילך־וועג.
ער טוט אויפהייטערן, דערקוויקן,
שענערע נעכט! — ווי אנדערשווו טעג.

א וואונדערבארע פולע לבנה!
ווי אויפן נאָרד־פּאָל — געזען.
פון די נאַטור, אַזאַ מתנה,
א שמייכלדיגער הימל, פול מיט חן!

ער באצויבערט אפילו קינדער!
הייטערט אויף זייער גייסט,
דארום, באווייזט מען דא ווינדער!
שוואכע ווערן העלדיש דרייסט.

די זון, אירע שטראַלן גין־גאָלדענע,
בריען אין יריחו — סכנת נפשות!
אין אכט מינוטן: א געמאלדענע.
ניט פארהאן — קיין בין השמשות.

דאָרט אין ירושלים, איז זי מילד.
אירע שטראַלן לאַשטשען, גלעטן,
דאָרט, — געזען אַ וווּנדערבאַר בילד!
ס'ווערן באַצויבערט מאַלער, פּאָעטן.

דופטענדע לופט, דורכזיכטיק קלאָר.
מ'זעט די בערג פון מואבס לאַנד.
פון דאָרט האָט משה געזען אויפן וואָר,
דייטליך, קלאָר, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.

דער זייער העל ליכטיקער הימל,
מאַכט זומער אין מיטן טאָג מיד.
אויף אַ רויִק אָרט אַוועק פון טומל,
וואַכט אויף די מוזע, מיט אַ שיין ליד.

אַ ליד, פון די שטערן אין דער הויך,
וועלכע פינקלען מיט פייערדיקן פלאַם!
כוואַליעס וואָס רוישן ברויזן מיט כח!
פונם ווונדערליך בלויען, מיסטישן ים.

אונטער אַ הימל אַזוי ווונדערליך בלוי:
קען מען ניט זיין קיין טריבע! —
דאָ, בענקט זיך צו ליבן אַ פרוי,
ווייל דאָ — וואַכט אויף די ליבע.

דער ווונדערבאַרער הימל, ווירקט זייער גוט:
אויפן קערפּער און אויף דעם גייסט.
אַזאַ מין באַלזאַם! פאַר דעם בלוט.
קראַנקע ווערן געהיילט ליידנדע געטרייסט.

תל אביב 1935

אם אשכך ירושלים

עס רעדן דיינע בערג און טאָלן.
מויערן, היילן, און פארשידענע שטיינער.
וווּנדערבאַרע בילדער זיי מאָלן,
דערציילנדיג געשיכטעס יעדער איינער!

געשיכטעס פון כהנים לויים,
וואָס האָבן ירושלים באַצירט.
געשיכטעס פון גרויסע נביאים,
וואָס האָבן ס׳פאָלק געפירט.

זער פיל טוען זיי מעלדן,
יידישע פרינצן און קעניגע.
צענדלינגער טויזנדטער העלדן,
רעוואָלוציאָנערן ווידערשפעניגע.

ניט געלאָזט זיך מאַכן צו שאַנד!
געקעמפט מיט העלדישן מוט!
ירושלים — די קרוין פון לאַנד!
ביזן לעצטן טראפן בלוט!

ווען געפאלן דאס ערשטע מאל,
דיינע קינדער אַריין אין בבל.
נאך די מפלה אין יהושפטס טאל,
איז אויפגעשטאַנען אַ זרובבל.

עזרה, נחמיה און אנדערע נאָך.
נאָך אַ צייט פון זיבעציג יאָר,
האָבן זיי געהיילט דיין בראָך,
געוואָרן פאַרשריבן, ס׳איז וואָר!

עס לעבט נאָך די מערת צדקיהו,
ווו ער איז געווען אַרעסטירט,
נאָך אָפן די הייל פון נביא אליהו,
די שפּאָרן זענען ניט פאַרשמירט.

נאָכהער איז געקומען טיטוס הרשע,
מיט א ריזן־ארמע, רוימיש מיליטער!
יוזעפוס פלאוויוס, געהאלטן א דרשה,
די רוימער האָבן שרעקליך געוויער.

ליידער זענען דיינע קינדער
אין פּאַרטייען געוועזן געשפּאָלטן.
האָט טיטוס געזיגט, קיין ווינדער,
צווישן זיך געשלאָגן, געשאָלטן.

וואָלטן זיי דאַן געווען אייניג —
וואלט קיינער זיי געקענט באזיגן!
די גרעסטע אַרמעע צו ווייניג!
זיי וואָלטן געפאַלן ווי פליגן.

אין שפּאַלטונג — ליגט אַ קללה!
און פחדנישע פירער, פאַרפירן!
אַנשטאָט אַ נצחון — אַ מפלה!
אויב אָן קוראזש — זיי פירן.



הכותל המערבי

דער אָריגינאַל פון דעם בילד איז געמאָלן פון מחבר אין יאָר 1928

ס׳ווײנען די חורבות, ס׳קלאָגן די מויערן,
פיל מער! — פון ירמיה הנביא.
שוין צוויי טויזנט יאָר! זיי טרויערן,
שרעקליך וויינט די כותל המערבי.

זי האָט געזען פיל פאַרפייניגטע קרבנות!
שרעקליכע מפלות! און גרויסע שאַנדעס!
מיליאָנען דערמאָרדעטע ריינע נשמות.
פיל צוטרעטענע כהנים פון ווילדע באַנדעס.

ניט אויפגעהערט צו בלוטן, אייטערן,
די וווּנדן, וואס טיטוס האט געמאכט.
ירושלים, מיר שווערן, דיך אויפצוהייטערן
ביז דו ווּעסט ווערן אויפגעראַכט.

אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני,
זאָל מיין רעכטע האַנד פאַרגעסן ווערן.
תדבק לשוני לחיכי,
די צונג צום גומען געקלעפּט ווערן,

אויב כ׳וועל דיך פאַרגעסן ירושלים.
אייביג, ווענדן צו דיר מיין בליק.
אויך צום כרמל, גלבוע, אפרים.
אלעמען, ווינש איך, שלום און גליק!

דיינע בערג און טאָלן ירושלים.
דער הר הצופים, הר ציון,
די הרי יהודה אַ רחבת ידים.
אַזוי ווי מאַגנעט, זיי ציען.

זער פאַנטאַסטיש — ווי אַ חלום.
צופיסנס פון דעם הר הזיתים,
דער טורעם־קבר, יד אבשלום,
רינגס ארום היסטארישע מתים.

חוץ דעם קבר פון צדיק שמעון.
קברים און היילן, פון יידישע קעניגע,
צדיקים — ווי קערלעך פון אַ רימון!
און קברי נביאים ניט ווייניגע.

אַחוץ צו די קברי מלכים.
טוען זיך פיל מענשן פעדערן.
צו באזוכן אויך אנדערע שטחים,
די ווונדערליכע מערת הסנהדרין!

צו די יארצייט, פון דוד המלך,
טוען זיך ריזיגע מחנות ציען.
מיט געבויגענע קעפ פאמעלעך,
צום קבר — אויפן הר ציון.

דו פאַרמאָגסט ירושלים, אַ לופט,
קלאָר ווי קריסטאַל! ריין אָן רויך.
זיס און אנגענעם דיין דופט,
קראנקע און שוואכע באקומען כח!

באצויבערט ווערט יעדער איינער!
ווער עס באַזוכט דיך אויף אַ ווייל.
דיינע מויערן, טייערע מארמאר שטיינער,
דורכזיכטיגע לופט, אויף הונדערט מייל!

ווער איינמאל, דיין לופט דערשמעקט:
געזען דיינע היסטאָרישע מקומות,
יענער, מיט באַגייסטערונג אַנגעשטעקט,
און — מוז האבן פון דיר חלומות!

אויך איך האב געחלומט א חלום,
פון דיר, שיינע, ליכטיגע ירושלים!
אז עס איז ביי דיר שלוה ושלום,
און ביזט אויסגעבויט, א רחבת ידים!

הונדערטער אַלעען, פיל בוימער, נאָדלען.
גאַסן און סקוואַרן, עטליכע טויזנד!
גאָרטנס מיט פאָנטאַנען וואָס שפּראָדלען,
אַ ריזיגער לאַק — מיט פיש ברויזנד.

אויף דעם טיפן נחל קדרון,
פאָרן מענשן אויף שיפן שפּאַצירן.
קונסט מאַלערס, אַ גאַנצער סקוואַדראָן,
מיט דיינע בילדער שטאַלצירן.

אין דיין אוניווערזיטעט, צוועלף טויזנד שילער!
די וועלטס גרעסטע אָבסערוואַטאָריע!
אין אַ חאַמסין — ווערט מעכאַניש קילער,
דורך דיין וווּנדערליכע לאַבאָראַטאָריע!

פרויד, איינשטיין, ווייצמאַן, צאַנדעק.
די וועלטס גרעסטע פּראָפעסאָרן!
מאַכן דאָרט וווּנדערבאַרן פאַראַנדעק
זיי נוצן אויס יעדן ווילדן דאָרן!

פאַר וויסנשאַפטליכע, גוטע צוועקן.
מיליאָנען טוריסטן, קומען אויף באַזוך,
צו דיר ירושלים, פון אַלע עקן.
ביי דיר געשאַפן — דאָס בעסטע בוך!

קיין שמוציגע געסלעך, ביים כותל מערבי,
אַ וווּנדערבאַרער עקזאָטישער פּאַרק
און ווי געטרוימט — ישעיה הנביא:
פון שווערדן — אַקעראייזנס אויפן מאַרק.

ניט מער קיין קעמל קאַראַוואַנען,
קיין שנאה צווישן אַראַבער און יידן.
אונטער־ערדישע עלעקטרישע באַנען,
אלע! — לעבן זיך רואיג און צופרידן!

פאריז 1937

תל־אביב

אַך תל־אביב, תל־אביב!
דו ביזט וווּנדערבאר שיין!
פאַרמאָגסט יופי, הוד וזיו,
ביזט רייצנד און מלא חן!

דיינע גאסן, א האלבער טויזנט!
רוישסט און קאכסט ווי א קעסל,
רחוב אלנבי, זער ברויזנד
ניט פארהאן קיין שמוציג געסל.

כמעט א פערטל מיליאָן יידן!
זיי ארבייטן, האנדלען, שאכערן,
כמעט אלע לעבן צופרידן,
און קאָקעטקעס ציגאַרעטן רויכערן.

אמוזירונג הייזער שטענדיג פול!
ניט לייכט בילעטן צו קריפן,
שבת אָונד פרייער פלאַץ — נול!
טראָץ די פרייזן ארויף שרויפן.

אָפעראַ, פילהאַרמאָניע, טעאַטערס אַלערליי,
זער שיינע ליטערארישע פארשטעלונגען.
גוטע פייערלעשערס, אויך פעאיגע פאליציי,
און זער שיינע קונסט אויסשטעלונגען!

א פיינע גיכע הילף, פארשידענע שפיטאלן.
אַ גן החיות, אַ היבשן, אַ יונגען.
אַך תל־אביב מ׳דאַרף דיך מאָלן,
און מ׳דארף דיך אויך באזינגען!

דיינע שיינע קאַפע הייזער באַזעצט:
מיט אויסגעפוצטע הערן און דאמען.
אונזערע שונאים די גאַל פלעצט!
געשמאַקע שפייזן, אַלע מיני טעמ׳ען.

די אַלעען שמעקן ווי סעדער.
די שדרות רוטשילד, ווונדערבאר איז!
דיין פארקער, בלויז גומענע רעדער!
תל־אביב איז א קליינע פאריז!

דיינע גרויסע בולוואַרן, אַ פּראַכט!
יונג און אלט, טוען דא שפּאצירן.
פאָרלעך ראָמאַנסירן אַ גאַנצע נאַכט!
אבער קיינער טוט ניט פארפירן —

דיין שפת הים, זער ראָמאַנטיש.
טויזנטער פארלעך זיך באדן.
דיין פּראָמענאַד זער עסטעטיש,
כמעט הונדערט פּראצענט יידן.

פון ראש העיר ביזן גאסן קערער!
אונזערע אייגענע ברידער זענען.
אין אלע דיינע שולן די לערער:
אפיציעל עברית, — טוען זיי לערנען.

פארהאַן קאַבאַרעטן מיט מוזיק,
פאָרשטעלונגען, קאָמישע וואַריאַציעס.
אין בלויען ים — זייער בליק,
אויך גרויסאַרטיגע רעסטאָראַציעס!

מיידלעך, ניט איינע, גוטע שווימערן.
זיי שווימען זער ווייט אַוועק!
די וואַלן בלענדן, מיט זייער שימערן,
און זיי שווימען — אָן אַ שרעק.

די יוגנד, טוט גימנאסטיקירן,
אטלעטיק, און פארשידענע שפּילן.
זער פיין! ניט צו קריטיקירן,
צו גוטע צוועקן! — זיי צילן.

אַך תל־אביב, תל־אביב!
דו ביסט וואונדערבאַר שיין!
פאַרמאָגסט יופי, הוד וזיו,
ביסט רייצנד און מלא חן!

ווער נאָר איינמאָל דיך דערשמעקט,
אין דיינע טעאַטערס זיך אַמוזירט:
דער יעניגער מיט באַגייסטערונג אנגעשטעקט,
און מיט דיר, ער שטאלצירט!

תל אביב 1945

רמת גן

ענליך צו מאָנטע קאַרלאָ פון פראַנקרייך,
די פאָרשטאָט פון תל־אביב, רמת־גן,
זי איז וואונדער שיין און אויך רייך,
עפעס שענערס כמעט ניט פארהאַן.

פון מאָנטע קאַרלאָ, נאָך שענער,
איז די יונגע רמת גן,
אירע פרויען און מענער:
שענערע, כמעט ניט פאַרהאַן.

עס איז ניטאָ קיין ראָלעטקע,
קיין קאַזינאָ, אַזוי ווי דאָרט,
דאָ זעט מען זעלטן אַ קאָקעטקע
ווייל אַ סאָליד, אַנשטענדיג אָרט!

דורכזיכטיק קלאָר, די לופט!
אין אַלע גאַסן שיינע בלומען.
מ׳ווערט געזונט פון דעם דופט,
פון איבעראל, אהער קומען.

די גאָרטנס שמעקן, זער ווייט!
אירע פּאַרקס וווּנדער־שיין!
רמת־גן ווערט אויסגעשפּרייט,
זי איז פּראַכטפול ריין!

אַך רמת גן, וווּנדערשיינע רמת גן!
זער ראָמאַנטישע בערג און טאָלן,
וווּנדערשיינע לאַנדשאַפטן פאַרהאַן.
קינסטלער דארפן זיי מאלן.

דאָס ראַט הויז, גרויסאַרטיק פּאַקטיש!
דאָס „בית האזרח״ זער עלעגאַנט!
זיי האנדלען אבער — זער ניט טאקטיש!
פאַרשטעלן די אַרבעטער מיט אַ וואַנט!

בלויז איין זאך פעלט צום רימל:
אפצושאפן הערשאפט פאשיסטישע!
צום וווּנדערשיינעם בלויען הימל,
פאַסט — אַן אָרדנונג סאָציאַליסטישע!

רמת גן 1944

טבריה

פאַרהאַן אַ קוראָרט, אין הייליגן לאַנד,
די באַרימטע בעדער חמי טבריה,
יעדער מין קאַליקע, פון יעדן שטאַנד,
ווערט דאָרט גיך אַ בריה!

אַלערליי רומאַטיזם פון הענט און פיס!
געלעמטע גלידער, שמערצפולע ריפּן,
אַך! די טבריה בעדער צוקער זיס!
ניט בחינם! — דאָרט זיך שטיפּן.

אָבער ניט אַלע, מיטן זעלבן ציל,
ס׳רוב קראַנקע, פאָרן זיך קורירן.
אַלע ווערן געהיילט, ווייניג פיל,
מענכע — אַביסעלע ראָמאַנסירן.

מ׳פּוצט זיך אויס, נייע קאָסטיומען.
מען כאַפּט אַ טאַקסי, מ׳פליט,
פאַרפומירט באַצירט מיט בלומען.
ווייל — דאָס האַרץ איר ציט!

זיך צו באַגעגנען מיט פריצן,
מיט איר געליבטן, אין געהיים.
אין איין האָטעל מיט אים זיצן,
בעסער — ווי מיטן מאַן אין דערהיים.

פאַרן מאַן — זי ווײנט — כ׳בין קראַנק.
שיקט ער איר קײן טבריה.
ער ווייס ניט איר געדאַנק,
זי שפילט די ראָלע ווי א בריה.

ליבע בריוולעך — צו איר מאַן.
און אין די זעלבע צייט —
וואָס טוט זי דאָרטן דאַן?
דאָס ווייסן ניט פילע לייט.

מענער לאנגווייליגן זיך אין ירושלים,
קאַלט אין גאַס, נאַס אין גאָרטן.
פאָרט מען אין טבריה, מאַכן אַ לחיים.
שפילן מיט דאַמען אין קאָרטן.

דערביי כאַפט מען אַ פלירט,
מיט אַ יונגע שיינע ווייבל,
ער, אַ גביר — אַ רייכער ווירט,
זי, — אַ גוט הערציג טייבל!

ביי די קור־געסט אין טבריה,
דאַרף מען ניט פיל צו זוכן,
ניט איינע איז דאָרט, אַזאַ בריה,
און באַקומט דאַן, אַ גט אַ גיכן!

טבריה 1945

ל״ג בעומר

לג בעומר אין צפת, מירון,
ווער ס׳איז ניט אַנוועזנד געווען,
צווישן דעם ריזיגן ווילדן המון,
האָט קיין ווילדע שמחה געזען.

צו די גרויסע הייליגע יאָר צייט,
פון צדיק, רבי שמעון בר יוחאי,
קומט מען צו פאָרן פון ווי ווייט,
אַך, וואָס פאַר אַ געפילדער אוי וויי!

מ׳צינדט אַ ריזיג בענזין פייער!
מ׳ווארפט — אפילו גאָלדענע מטבעות!
אויך זיידענע קליידער ניט צו טייער,
דערביי שערט מען קינדער מיט פאות.

צירונג אין פייער — ניט קלערן.
זיי מאַכן — קיין גאָלדן קאַלב.
עדות זענען — די שאָפערן,
אָבער ווילד! — ניט האַלב.

אַן אוטובוס, אַ טאַקסי, אונמעגליך
צו באַקומען פאַר אַ נאָרמאַלן פרייז.
מ׳שינדט די הויט אומדערטרעגליך!
אין רעסטאָראַן קיין ביסל שפייז.

ביי די „הדלקה״ מ׳טאַנצט מ׳יובלט,
אַ גאַנצע נאַכט אויפן הייליגן פעלד.
ווען נאָך מיליאָנען יידן! — מ׳אָבלט,
הלואי פאַר פליטים — דאָס געלד.

מ׳הולעט אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
מ׳זינגט, מ׳שפּרינגט חלוצישע הוירעס,
אַ ריזיגע פּראָצעסיע א פּראַכט!
צווישן זיי, אויך ספרי תורות.

ס׳טאַנצן חסידים מיט ספרי תורות,
עס קושן מענער — יונגע מעדלעך,
שטאַרקאַצן און פאַרשידענע אורות,
צפת, מירון, גייען אויף רעדלעך.

מ׳שרייט, רבי שמעון בר יוחאַי!
אוי — רבי שמעון בר יוחאַי!
און ווידער דאָס זעלבע געשריי,
מ׳קען משוגע ווערן — אוי וויי!

לג בעומר אין צפת, מירון,
ווער ס׳איז ניט אנוועזנד געווען
צווישן דעם ריזיגן ווילדן המון
האָט קיין ווילדע שמחה געזען.

צפת לג בעומר תש״ה — 1945.

פראָוואָקאַציע

דעם צוויטן נאָוועמבער ניינצן זיבעצן.
האָט לאָרד באַלפור אַ דעקלעראַציע געגעבן.
אין גאָלדענעם בוך! — געטוען אויסקריצן.
צווי און פופציג פעלקער אונטערגעשריבן.

דאָס יידישע פאָלק — זיך זער דערפרייט,
מיט די וונדערבארע ענגלישע מתנה.
שוין מער ניט זיין צוזייט און צושפרייט.
נאַאיוו געגלויבט, אַז ערנסט, איר כונה.

מיט אַ נאַציאָנאַלע „היים״ אונז באגליקט,
אָבער דעם שליסל, אונז ניט געגעבן!
אונזער פרייהייט ווערט כסדר דערשטיקט,
און מיר זענען ניט זיכער מיטן לעבן!

איינגעפירט סערטיפיקאַטן — הערבערט סעמועל,
ווייל — געמאַכט אויף אונז אַ שחיטה.
די טיר פון די „היים״ געוואָרן זער שמאָל,
אין אונזער היים — קיין שום שליטה.

דאָס איז פאר אונז געפערליך געוועזן,
האָט מען נאָך אַ נייעם פאָגראָם געמאַכט,
מיר האָב פון אלעם געמאַכט קיין וועזן,
אפילו קיין ריכטיגן פראָטעסט געמאכט.

אזוי ווי דיזע לייט — האָבן דערשפּירט,
זיי האָבן צו טון מיט נאַאיווע יידן!
זענען די אַראַבער געוואָרן אָרגאַניזירט,
זיי לאָזן אונז ניט לעבן אין פרידן.

אזוי לאנג געהעצט און געהעצט,
ביז דעם ניין און צוואנציגסטן יאָר,
די קייט — האָט ענדליך געפּלעצט,
און די וועלט איז געוואָרן געוואָר.

פון די שחיטות אין חברון, ירושלים,
צפת, חולדה, איבערן גאנצן לאנד,
געטועט פון ווילדע אראבישע ידים
אָנגעפירט פון — א ברוטאַלע האַנד!

שוידערליך! אומגלויבליך איבער צו געבן!
אין אונזער היים! — אין ארץ ישראל!
הונדערטער יידן פארלוירן זייער לעבן!
און די טיר — איז געבליבן זער שמאָל.

דאָך געהאָפט! — נאָך יענע טעג,
די חורבות וועט מען צוריק בויען,
מער ניט גיין — מיט אזא וועג.
ווייזט זיך ארויס, מ׳קען ניט געטרויען!

איר פאָליטיק שטאָכט די אויגן!
פון די פאלעסטינער אדמיניסטראציע.
אונזערע פירערס אויך ניט טויגן!
שלעכטע קעכערס — אין רעסטאָראַציע.

מיר זענען איבערצייגט, ניט פון היינט,
ניינצן הונדערט זיבן און דרייסיג.
מ׳מאַכט פאַר שונאים אונזערע פריינט,
מ׳העצט געגן אונז זער פלייסיג.

יעדער קען זיך דאָס איבערצייגן.
שוין באַלד צוויי יאָר — אַ מין מלחמה!
זי האַלט נאָך כסדר אין שטייגן!
און מיר שווייגן — קיין נקמה.

מיר לאָזן זיך פון ווילדע אומברייננגען.
מיר ווייזן — מיר זענען גוטע קינדער.
מ׳דאַרף די מערדערס אויפהענגען,
די רעגירונג שווייגט, קיין ווינדער.

די אַראַבער האלטן אין איין שיסן.
עס פאַלן אונזערע בעסטע מענשן!
ניט אָן די רעגירונגס וויסן! —
קען מען איר דערפאַר בענשן?

אין יאָר ניינצן זעקס און דרייסיג,
אין דעם אַכצעטן אַפּריל,
געמאָרדעט יידן אין יפו פלייסיג,
געטוען פריי — וואָס מען וויל!

דאַן — זענען זיך רואיג געשטאַנען
פּאָליציי לייט, רעגירער פון לאַנד.
שמייכלענדיג אויף די באַלקאָנען,
קאַפּ אָנגעשפּאַרט אויף די האַנד.

ייִדן האָבן גענומען אַפּעלירן,
צו די רעגירער — אין יפו.
אַל רייט, מ׳וועט ניט פּאַגראַמירן.
טרינקענדיג רואיג, — זייער קאַפע.

דערוויל האָט מען אויסגעקוילעט!
דאָרט אין יפו, זעכצן ייִדן!
און צווי טעג אזוי געשלאַכטעט!
די רעגירונג — פּאַרזיכערט פרידן.

אין יענע טעג, האָט זיך אָנגעהויבן,
אויסצושפּרייטן די ווילדע פּראָוואָקאַציע!
פרעמדע — קענען דאָס ניט גלויבן!
אַ חרפּה, אַ שאַנדע, — ציוויליזאַציע!?

אזוי מאָרדעט מען אונז אָן אַ סוף.
פון אונזער „היים״ אַ בלוטיגער טייך!
באַלפור דעקלעראַציע — צינישער בלאָף!
זיי ווערן בלויז פון אונז רייך!

אונמעגליך לענגער אויסצוהאַלטן!
אַזאַ לאַגע אין ארץ ישראל.
יעצט — דאָס קליינע לאַנד שפּאלטן.
צופּיצלען, צוברעקלען, עס האַלט שמאָל!

דאָס לענדעלע וועט ווערן אזוי געדיכט,
עס וועט טאַקי ניט זיין קיין פּלאַץ.
ס׳קען פאַקטיש וואָר ווערן סימסאָנס באַריכט,
מער קיין פּלאַץ — אפילו פאַר אַ קאַץ!

מירן זיך דאָך מוזן אויסשפּרייטן,
אויף יענע זייט ירדן — אויך!
וואָרום ניט בשלום צו גרייטן?...
אום ניט דאַרפן אָנצווווענדן כח!

ברידער יידן, לאָזט זיך ניט — נאַרן!
עס האַלט שלעכט, זער ניט גוט!
פאַר קיין פאַל, לענגער ניט האַרן!
שוין צופיל פאַרגאָסן אונזער בלוט!

די גאַנצע וועלט — מוז דאָס וויסן!
אונזער קאַמף בשום אופן ניט אויפגעבן!
מיר אַפּעלירן צו די וועלטס געוויסן!
העלפט אונז באַפרייען, אויפלעבן!

פּאַריז 1937

פּעליאַכן

כמעט אומגלויבליכע, קוריאָזע זאַכן!
פאַרהאַן א סאָרט מענשן אין פּאַלעסטינע,
ערד אַרבייטער, מרופט זיי פּעליאַכן,
ניטאָ אַזעלכע אפילו אין אַרגענטינע.

וווּנדערליך־בלויער־הימל, דער זעלבער,
די זעלבע שיינע פינקלענדע שטערן,
און גאַנץ דער זעלבער, זאַמד געלבער,
אויף די זעלבע ים כוואַליעס, רוישן הערן.

איינווינער פון דעם זעלבן לאנד,
און דאַך — צוויי באַזונדערע וועלטן!
רעגירט — דורך די זעלבע האַנד,
און אזוי קאַנטראסטפול די געצעלטן.

יידן ווינען זעלטן אין אַ באַראַק.
לעבן מאָדערן — ווי אייראָפּעער,
יענע — קליידן זיך אין אַ זאַק,
ווייסן ניט, — דאַרפן ניט מער.

יידן עסן פלייש און פיש,
קליידן זיך גאַנץ עלעגאַנט,
יענע, זיצן ביי קיין טיש,
אַלס אַ לעפל, דינט די האַנט.

ערד — זיי דאַרפן קיין בענקל,
אויף שטיינער קענען זיי שלאָפן,
נאַרגילעס, רויכערן זיי אין שענקל.
פרייוויליג — זענען זיי שקלאפן.

אונטערשיידן זיך אין יעדע זאך,
אַ קאַנטראַסט דאַס גאנצע לעבן!
רעדן, אויף אן אנדערע שפראך,
גאנץ פארשידן אין דעם גלויבן.

זייערע שטובן, שמוציגע לעכער!
קיילעכדיגע סופיטן, אַן פענסטער.
געמאַכט פון ליים זייערע דעכער.
אין שטוב — שווארץ און פינסטער!

שלאָפן מיט ווייבער, הינער הענער!
קינדער מיט קאָזעס און אייזל!
קאָכן דאָרט באָרשט, ביי שפענער!
עקלהאַפט זייער אָרעם הייזל!

קיין דיל, נאַקעטע ערד שמוציגע!
די ווענט, שווארץ ווי אין קוימן,
זער אָפט זענען זיי היציגע,
און ווייסן ניט פון פארזוימען.

זיי האָבן צייט מער ווי גענוג!
און זענען ניט קיין נאַראָנים.
יענעם צו נאַרן אַבסאָלוט קלוג!
זיי קענען מאַכן א פרום פנים.

זיי פאַרדינגען זיך — אלס אריסים,
און קויפן זיך צו עטליכע ווייבער.
אַמאָל — זיי געמאַכט פאַר סריסים,
צו אַ בריוול — זוכט מען אַ שרייבע׳

מיט עטליכע פיאַסטער אַ טאָג,
לעבן זיי ווי די פריצים.
אַ לעבן, אַך און וויי, אַ קלאָג!
קאָנקורירן מיט אונזערע חלוצים.

נישטיג זייער צאָל סטודענטן,
אַ ריזיגער פראָצענט אַנאַלפאַבעטן!
די דאָזיגע, אונזערע קאָנקורענטן!
פארהאן זעלטן — ביי זיי פאָעטן.

עס ליידן די חלוצים אַ גהינם!
זיי ווערן אומגערן באַשעפּטיגט פון יידן.
ווייל יענע ארבייטן האַלב בחינם!
און די יידן האָבן קיין פרידן!

ניט פון די געהעצטע ווילדע —
און ניט פון אונזערע קאָלאָניסטן.
צו די ווילדע, זענען זיי מילדע,
חלוצים, זענען ביי זיי קאָמוניסטן!

חברים, עפענט די אויגן, וואַכט אויף!
נעמט זיי אריין אין הסתדרות!
מאַכט צום שקלאפעריי אַ סוף!
דערביי פארמיידן, צו פארגיסן בלוט.

פאראייניגט זיך אַלע אין פרידן,
גיט זיך חבריש די הענט!
טאַקי ערנסט, אַראַבער און יידן,
דאַן וועט זיין אויס קאָנקורענט.

ס'איז אפילו שווער, ניט גרינג.
דאָך איז מעגליך, צו אָרגאַניזירן,
אַלעס, קען טוען אַ פעאיגע צונג,
איר מוזט דאָס טאקי פּרובירן!

נעמט זיי אריין אין אייערע רייען.
לערנט זיי סאָציאַליסטישן אידעאל.
געגנזייטיגע עוולות, זיך פארצייען,
זינגט צוזאַמען דעם אינטערנאַציאָנאַל!

ירושלים 1925

דער מופטי

כאַדזש עמין על חוסייני,
דער מופטי פון ירושלים,
אַ כפרה פאַר טאָסקאַנינין!
היפאָקריט, — בלוטיגע ידים!

ר׳האָט געזאָלט ווערן געהאנגען,
פאַר שחיטות אויף יידן,
זיין הצלחה אַזוי דערגאַנגען,
אַחוץ באַפרייט, — געמאַכט צופרידן.

מאַחמעד׳ס פאָרשטייער — געוואָרן.
הערבערט סעמיועל אים געקרוינט.
גיסט אויף יידן זיין צאָרן,
ביים כותל מערבי ער וווינט.

ער האָט אַ גרויסן האָרעם,
צוויי און פערציג ווייבער פארשידענע,
ביי די יידישע תפילות, א לארעם.
קען ניט אָנקוקן אַ ייד, אַ יידענע.

ער שרייט מיט אַ בייזע טראָמבע,
און העצט די ווילדע אַראַבער,
צו ווארפן אויף יידן אַ באָמבע,
מאָרדעט זייערע קינדער און ווייבער.

דער גובערנאַטאָר פון ירושלים,
זיין בעסטער קאָלעגע געווען.
געהאַלזט מיט זיינע ידים,
אין צייטונג, אזא בילד געזען.

בעל הבית — איבערן הקדש,
און גנבעט טויזנטער פונטן.
אַ גרויסער באַנדיט דער קדוש,
הייליגן קאָראַן — פון אונטן.

אויב נאָר געוואָלט, טשאַנסלער?
ער האָט דאָך די מאַכט!
פונקט ווי אַ שוואַרץ־קינסטלער,
איינס צוויי דריי — איבער נאַכט!

ירושלים 1929

אַ מין ווייס בוך

איין פאַלק אויפן צווייטן מער ניט העצן.
מער ניט נוצן קיין ביקס, קיין שווערד.
ס׳געווער אויף אַקער אייזנס צעשמעלצן,
דערמיט פלייסיג בעארבייטן די ערד.

דאָס איז געווען ישעיה הנביא׳ס חלום.
צוריק בערך מיט צוויי טויזנד יאָר.
אונזער אייביגער ווונש אַזאַ אידעאַלער שלום,
גאָר ניט געמינערט אפילו אויף אַ האָר.

וואָלף און שעפּס צוזאַמען זיך פּאַשען.
קינדער מיט לייבן, רואיג זיך שפּילן.
קיין פאָלק איבערן צווייטן, ניט הערשן!
יעדעס פאָלק — זאָל זיך פריי פילן.

ליידער, איז נאָך ווייט דער טאָג!
פון רעאַליזירן ישעיה׳ס חלום.
אויף אונזערע שונאים אַ קלאָג,
מ׳לאָזט אונז ניט לעבן בשלום.

מ׳טוט ניט בלויז אויף יידן העצן,
כסדר — איין פאָלק אויפן אַנדערן.
געוואַלד, די געדולד וועט פּלעצן!
מלאָזט ניט יידן אַ היים — וואַנדערן.

אַ מין ווייס בוך — אויסגעקלערט,
ווילדע געזעצן, פון מיטל אַלטער!
צו קויפן ערד, ווערט אונז געשטערט,
געשאַפן האָט דאָס, אַ גזלן אַ קאַלטער!

זי׳ לעצטע סערטיפיקאַטן ווערן אויסגעשעפּט.
די שארית הפליטה, וועלן חלילה אומקומען!
זיי, און מיר — אין אַ געטאָ פארשלעפּט!
מ׳צווינגט אונז — צום געווער אַנצוקומען!

מיר וועלן ניט דערלאָזן פאַר קיין פאַל!
פון ארץ ישראל אַ געטאָ, אָדער גלות מאַכן!
אונזערע שונאים, מעג פּלאַצן די גאַל!
מיר׳ן ניט לאָזן, פון אונז חוזק מאַכן!

אונזער לאַנד איז — הייליג און טייער!
עפּעס טייערערס, קען ניט געבן!
ממש, אין וואַסער און אין פייער!
מירן פאַר איר געבן, אונזער לעבן!

מיר ווען קעמפן — די וועלט אויפקלערן,
אַזאַ מין ווייס בוך — אַ שוואַרצע!
דאָס וועט מוזן צוריסן ווערן!
אירע טעג, געציילטע, קורצע.

תל אביב 1945

צוויי שפּראַכן

ספּעציפישע צרות ביי יעדע זאַך!
קיין פאָלק אַזוי אומגליקליך ווי מיר!
מיר קריגן זיך אפילו איבער די שפּראַך,
מענטשן — וואַרפן ביידע צום טיר!

דער גרעסטער טייל — רעדט יידיש,
מ׳קריגט זיך אויך אין ארץ ישראל,
די היגע מערהייט — העברעאיש,
מיט אונזער קולטור האַלט שמאַל.

איין פערד ציט אַהער ס׳צווייטע אַהין,
קען דער געשפּאַן ווערן צוריסן!
אַזוי אַרום — אין ערגעץ אַהין.
שטערער — פרעגט אייער געוויסן!

וואַרום דען זיך ניט איינינגן?
ביי אַזעלכע פשוטע זאכן.
ס׳געוויסן וועט אייך פייניגן!
אַ פאָלק — מיט צוויי שפראכן.

שוין געזען אַזעלכע זאַכן.
אין חדש תחת השמש,
נאָך פעלקער — צווי שפראכן.
וגם זאת לא מאמש.

פאנאטישע סאָציאליסטן — מיינען,
יענע וועלכע האַלטן פון עברית,
קענען ניט זיין פריי געזאָנען.
אַ גרויסע נאַרישקייט טוען זיי דערמיט.

און פאנאטישע עבריתניקעס גלויבן,
ווער ניט עברית — גאָר קיין ייד!
ביידע שפּראַכן קען מען דערהויבן,
אויף יידיש — מער ווי אַ שיין ליד!

פאַנאַטיקער, מ׳דאַרף פון אייך לאַכן!
איין טייך — מיט צווי שטראָמען.
מ׳קען עס ניט אַנדערש מאַכן!
צוויי שפראכן, פון איין מאַמען!

מ׳דארף זיך שפראכליך ניט שפאלטן.
מ׳קען די אַלטע קולטור פאַרטזעצן,
טאָלעראַנט, צוביידע זיך פאַרהאַלטן!
יעדע שאַפונג, געגנזייטיג איבערזעצן.

תל־אביב 1935.

דער א״ב זיך געקריגט

די וואַלן צו אסיפת הנבחרים וההסתדרות,
געקאָסט מער פון אַ האַלבן מיליאָן לירות!
אין אייראָפּע פליסט אַ ים פון יידיש בלוט!
און דאָ, אַ שרעקליכער מאַנגל אין דירות.

טויזנטער פאַמיליעס אָן אַ היים!
זער פיל געקענט העלפן, מיטן דאָזיגן געלט,
געקענט בויען הייזער, פון ציגל און ליים.
אַ שפּיצל — פון די פּאָליטישע וועלט.

אויב שוין יאָ? געמוזט מאַכן וואַלן,
מוז זיין מער פון דרייסיג פּאַרטייען?
פאַראוואַכן געגנזייטיגע קוואַלן?
געשפּאָלטן, צענדליגערמאָל אין צווייען!

אין תוך — זעלבער ציל און שטרעבן,
בלויז אַמביציעזע — קליינע אונטערשידן!
וואַרום אַלעס פאַרשמירן, פאַרקלעבן?
זיך שלאָגן — וואַרום ניט אין פרידן!?

אזוי פיל פארטייען מיט סעקציעס,
די מפא״י מאַכט אַ גרויס געפילדער,
פלאַקאַטן הויכשפּרעכערס פּראָקלאַמאַציעס,
גאנצע גליקן, געמאָלן אויף בילדער.

ספעציעלע פראָפּאַגאַנדע מאַטעריאַל טרעגערס,
זיי שיקן טאַקסיס — פרייע רייזעס,
פאַר די געגנערס, דינגט מען שלעגערס,
און מערן געגן זיך, בלוט בייזעס.

די מ׳ שומר הצעיר, מיט פועלי ציון לינקע,
האָבן אויך זייערע הענט ניט באַהאַלטן,
ווען מ׳מוז געבן אַ קלאַפּ, זענען זיי פלינקע!
זיי קענען אויך פיינע רעדעס האַלטן.

די ב׳ מזרחי, ווילן ניט לאָזן שבת פאַרן.
די ו׳ פועל מזרחי, מקוות פאר יעדן איינעם.
און פארזאָרגן אויף די עלטערע יאָרן,
מיט אַ כשרן און פרומען מושב זקנים.

זיך געקריגט די ת׳ מיט די אַלף,
די ת׳ האָט די א׳ שטאַרק אַטאַקירט,
מיט פראַזן — שאַרף ווי אַ חלף,
ת׳ אָפּגעריסן פון א׳, זיך אָרגאַניזירט.

דער גאַנצער אלף בית, אזוי כסדר!
איינע מיט די אנדערע, זיך געקריגט.
וואַלן — זעלטן, אזוי אָן אַ סדר!
צו פיל פארטייען — קיין איינע געזיגט.

תל אביב 1944

פאראייניג זיך מיטן פאָלק

אין אייניקייט ליגט מאַכט!
אַ געזעץ פון סאָציאָלאָגיע,
גענומען אין אַנבעטראכט,
פון יעדע אידעאָלאָגיע.

שוין גענוג געלייטערט,
פון חורבנות, מפלות,
פון לאַנד דערווייטערט!
געשמאַכטעט אין גלות!

אלץ, ווייל קיין אייניקייט!
פאַרהאַן ביי אונז יידן,
פון פיל דורות ווייט!
האָבן מיר קיין פרידן.

געווען אַמאָל קנאים, העלעניסטן,
זיך געשלאָגן איינער מיטן אַנדערן,
טיטוס — געפאַנגען ווי קאַנטאַניסטן,
געצווינגען דאַן, אויס צו וואַנדערן!

פאַרקויפט אַלס שקלאַפן, אַ קלאָג!
געוואָרן פאַרוויסט אונזער לאַנד.
און ביז דעם היינטיגן טאָג!
ליידן מיר פון יענע שאַנד!

מיר קענען אָבער אָפּרייניקן,
דעם פלעק פון אונזער שאַנד.
אויב מירן זיך היינט פאַראייניקן,
און צוריק בויען אונזער לאַנד.

ס׳גיבט קיין פאָלק וועלכעס האָט,
אַזוי פיל פארטייען, פארטייעלער!
חסידים, האָבן מורא פאר גאָט,
טראָגן יאַרמולקעס מיט פיאה׳לער.

מיר רייסן זיך אייביג אַרום!
איין פארטיי ציט נאָך ציון.
אַנדערע — אַסימילירן אומעטום.
מענכע, נאָך ביראָבידזשאַן ציען!

וואָרום זיך ניט פאַראייניגן!?
ווען מעגליך — אין איין אויגנבליק!
ארץ ישראל — ווען אפילו זיך פייניגן!
ס׳שאַט ניט — בירא בידזשאַן, א רעפובליק.

מ׳קען קאָלאָניזירן יידישע מאַסן,
אין קרים און אוקראינע!
וואָרום געגנזייטיג זיך האַסן!?
זאָל זיין אויך אַרגענטינע!

עס זענען קיין געגנער ציוניסטן,
פון קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע!
וואָרום זענט איר קאָמוניסטן,
נאַרישע געגנער פון פאלעסטינע!?

איר באַדויערט די אַראַבער!?
ס׳לאַנד קויפן אָפּ די יידן,
באַדויערט אייערע קינדער, ווייבער!
וועלכע לעבן — ניט אין פרידן.

אויב אלס יידן — איר ווילט לעבן!?
און קענען אייערע קעפּ אויפהויבן
נאָר ארץ־ישראל קען דאָס געבן!
זער לאָגיש — ס׳לאָזט זיך גלויבן!

מיר נעמען ביי די אַראַבער גאַרניט אַוועק.
זיי ווערן גאָר פון אונז רייך!
מיר קולטיווירן זייער וויסטן העק,
מיר מאַכן ווילדע — מיט מענשן גלייך.

זיי האָבן אַ סך גרויסע לענדער נאָך.
מיר האָבן גאָרניט, נאָר דאָס שטיקל!
ווי איז אונז, אוי אַ בראָך!
צורייסט ניט דאָס האָפנונגס שטריקל!

און איר בונדיסטן, פּאַרוועגנע געסט!
ווילט יידישע אַטאָנאָמיע איבעראַל,
וואַרום ניט אויך — אין אַלטן נעסט!?
מ׳קען זיך אייניגן — מיט אַזאַ אידעאַל!

לעז שוין אויף דיינע פּארטייעלעך!
פאראייניג זיך שוין מיין פאָלק!
שנייד אויך אָפּ דיינע פּיאה׳לעך!
וועסטו גיכער קומען צו אַ טאָלק!

נאָר מיט אייניקייט וועלן מיר זיגן!
אויספירן דאָס געמיינזאַמע שטרעבן.
מיין פאָלק — נאָר זיך ניט קריגן!
וועלן מיר נאָך גוטעס דערלעבן!

פּאריז 1937

היים, זיסע היים

מיט פאַרגעניגנס אין פּאַלאַצן,
ווען מיר זאָלן אַרום שוועבן,
מעג זי זיין נאָך אַזוי אָרים,
בעסער פון היים, קען ניט געבן!
אַ מאַגישע קראַפט פון די הימלען,
דאַכט זיך פאַרהייליגט אונז דאָרט.
ווו? — זוך אין דער וועלט,
אין ערגעץ באַגעגענט אַזאַ אָרט,
היים, היים, זיסע, זיסע היים!
ס׳גיבט קיין פלאַץ ווי אין דער היים!

איך גלאָץ אויף דער לבנה! — ווייל
איך פאָרש דעם טרויער ווילד,
און כ׳פיל אַז מיין מוטער,
טראַכט יעצט פון איר קינד.
זי קוקט — אויף לבנה יענער,
פון איר אייגן הייזלס טיר,
דורך פלאַנצן ווענענס דופט,
וועט מער ניט באַרואיגן מיר,
היים, היים, זיסע, זיסע היים!
ס׳גיבט קיין פלאַץ ווי אין דערהיים!

אַ פאַרטריבענער פון דער היים,
גרויסע נאַרישע שטוינונג,
אָ! גיב מיר ווידער מיין הייזל,
מיין אָרים דאַך־געדעקטע וווינונג.

די פויגל זינגענדיג פריילִיך,
קומען אויף מיין רוף פלעגן,
זיי זענען טייערער פון אַלץ!
גיב זיי מיר מיט געדאַנק רואיגן,
היים, היים, זיסע, זיסע היים!
ס׳גיבט קיין פלאַץ ווי אין דערהיים!

לאנדאָן 1922

אַ בריוו צו מיין שוויגער

(געווידמעט מיין ליבע שוויגער רודע פעלנער)

ליבע שוויגער, געזונד זאָלט איר זיין!
ווי צווישן רויטן און ווייסן ווין:
דערקען איך, אין שריפט, אַ נערוועזן ציטער,
עס ווייזט אויס, אויפן האַרץ ביטער!
אַז נערוועז — טוט מיר באַווייזן;
פלוצלינג, שרייבט איר גרייזן.
אַנטשולדיגט פאַר מיין באַמערקונג,
האָט קיין פאַראיבל, קיין קרענקונג.
וועגן אונז, זאָלט איר ניט זאָרגן!
אפילו, ווען מיר לייען באָרגן.
זיכער וועט באַלד ווערן בעסער!
מיר׳ן האָבן אמת־יידישע פעסער!
יידן וועלן שאַלן מיט פרייהייטס טראָמפּייטן,
מירן זיך איבערן ירדן אויף פארשפרייטן.
די מדבר מענשן — וועלן מיר באַזיגן!
ס׳וועלן שרייען קינדער אין די וויגן:

מזל טוב! מזל טוב! בראַוואָ, לחיים!
אַ יידישע רעגירונג אין ירושלים!
די אַלטע קרוין פון ארץ ישראל,
אַן ארבייטס ארמע אין ירדן טאָל.
עבר הירדן וועלן מיר עלעקטריפיצירן.
די ווילדע — וועלן מיר ציוויליזירן.
אפילו בעדואינער וועלן מיר אויסבילדן,
דערוויל, מוזן מיר נאָך דולדן
אָבער ניט זיך לאָזן אומברענגען!
די מערדערס דאַרף מען אויפהענגען!
נאָר אַזוי — דעם שלום אויפשטעלן,
מירן זיי לערנען — מיר וועלן!
ווייל מיר האָבן צו פיל געדולד,
זענען זיי העלדן — אונזער שולד!
זיי האַלטן אונז פאַר פחדנים!
און אויך פאַר שוואַכע, נאַראָנים.
באַלד וועט קומען דער טאָג:
פון דערוואַכונג — אויס קלאָג!
ניט זיך פאַרלאָזן, אויף קיינעם!
נאָר אייגענעם כח — דעם איינעם.
צעהאַק דעם שלעגערס אויגן!
מ׳מוז צום שלאָגן אויך טויגן.
פאַרפאַלן — געוואָרן אַזאַ מאָדע!
מ׳שלאָגט? גיב צוריק אין מאָרדע!
דאַן ווערט ער אַ גוטער ברודער.
ניט טשעפּן — מאַכן קיין גערודער.
איך בין איבערצייגט אַבסאָלוט!
טראָץ כ׳בין געגן פאַרגיסן בלוט.

הבלגה — מען הייסט אַראָפּשלינגען,
מ'קען דאָך פּלאַצן! צעשפּרינגען!
אַנדערש, האָט געזאָגט די תורה:
הבא להרגך, השכם להרגו, אָן מורא.
צומאָרגנס נאָך אונזער אויף וואַכן;
וועלן מיר פון זיך אַליין לאַכן!
צווי טויזנט יאָר אין גלות געשמאַכטעט!
פון אַלע פעלקער געוואָרן פאַראַכטעט.
אונזערע רוקנס געוואָרן איינגעבויגן,
אַ פאַרדאָרבענע מאָראַל איינגעזויגן!
אַ טייל, געוואָרן איבערגלויביג, פאַנאַטיש!
אַנדערע זיך געשמדט, פאַרעטעריש!
אַמאָל האָט פאַסירט אַזא פאַל,
עס קען ממש פּלאַצן די גאַל.
קאַליף אָמאַר, געוואָלט צוריק געבן די יידן:
דער הר המוריה — מיט כבוד און פרידן.
ווידער צו בויען, בית המקדש דעם היכל,
איבערגלויביגע יידן — געהאט קיין שכל!
זיי האָבן זיך נאַריש באַדאַנקט,
קאַליף אָמאַר זיך ניט געצאַנקט.
האָט אויפן פּלאַץ אַ מעטשעט אויף געשטעלט,
יידן — געבליבן פאַרוואָגלט אין דער וועלט!
ביזן היינטיגן טאָג דערפון מיר ליידן,
אָבער, מיר וועלן נאָך האָבן פריידן.
ווייל, געלערנט האָט דערפון א לעקציע!
די ציוניסטישע פּאָליטישע סעקציע.
מירן ניט לאָזן מאַכן קיין אָפּעראַציע!
צושניידן, פאַרקריפּלען די באַלפור דעקלעראַציע

ליבע שוויגער, עס וועט נאָך גוט זיין!
מיר וועלן טרינקען גוטן כרמל וויין:
פון ארץ ישראל, יידישע רעפובליק.
מיר וועלן דערלעבן, מיט מזל, גליק.
זייט געזונד, מיט אלע ליבע קינדער,
זאָגט זיי, ס׳וועלן געשען דיזע ווינדער,
גריסט אַלע פריינד און באַקאַנטע,
זאָגט זיי, באַלד קומען יידישע געזאַנדטע.
הערצליך גריסט אייך אייער איידים,
וואָס העלפט באַקעמפן די ווילדע שדים.
דוב אַבנר בן רב נתן,
זאָלן מיר האָבן שמחה וששון.

פאריז 1937

שכונת שפירא

אברהם שפירא, איז אַ וואונדערבארער ייד!
דער דאָזיגער מאן וווינט אין פתח תקוה.
פון די שכונת שפירא, איז צו זינגען אַ ליד,
אַ פאָרשטאָט פון תל־אביב אָן באָד אָן מקוה.

די גוט באַקאַנטע שכונת שפירא,
געגרינדעט פון אַ באָדן שפעקולאַנט.
ניט פון דעם אידעאַליסט שפירא,
ניטאָ אין דעם זיין האַנט.

רחוב סאַלאַמע, איר הויפּט גאַס,
אַן סדר, צעוואָרפן אירע נומערן,
איז שטענדיק שמוציק און נאַס,
ווי שדים פליען אַראַבישע שאַפּערן.

כמעט אלע טאָג ווערן איבער געפאָרן:
קינדער אַן אויפזיכט פון די מאַמען.
קליינערהייט אָפּגעהאַקט זייערע יאָרן,
גוטע קינדער, זיי פאַרדאָרבן פאַרסמען.

אין שכונת שפירא, פון די גאנצע וועלט,
שפּראַכן — ווי ביים טורעם פון בבל.
גרויסע קבצנים — און יידן, מיט אַסך געלט.
אלע זענען פריילך, בלויז מענכער, אַן אַבל.

געמיינדעס פּאַרשידענע, פּוילישע, שפּאַנישע בוכאַרישע,
בתי כנסת תימנישע, פּערסישע, און נאָך אַ סך.
ענגלישע יידן — מיט אַפגאַניסטאַנישע קורדישע:
מוזן לעבן — צוזאַמען, אונטער איין דאַך.

די בעלי הבתים — ווער זיי זענען?
בעלי עגלות — דאָס געמיינסטע פון פוילן.
שינדן די הויט, זער גוט זיי קענען,
זער קאַרגע לייט! שיך, כמעט אַן זוילן.

ביים פאַרדינגען אַ דירה — גאַנצע גליקן,
נעמענדיק טייער, און פאַר אַ יאָר פאַראויס.
שפּעטער פאַנגען זיי אַן צו דריקן,
אַז דער שכן זאָל אַנטלויפן אַרויס.

פון תל־אביבער משפטים — פופציג פּראָצענט,
ירא שמים׳דיגע בעלי בתים — פֿאַלש שווערן.
שכונת שפּירא, מעג ווערן פֿאַרברענט —
אַזוי שעלטן קען מען אָפּט הערן.

קיין חידוש, עס שרייען פּיל שכנים:
מ׳דאַרף צו אייך האָבן אַ היטלער!
זייליידן צרות, עס מיידט ניט קיינעם.
שופטים ושוטרים זער אָפּט פֿאַרמיטלער.

מ׳פֿאַרמאַכט ס׳באָד־צימער אַ מאָל ס׳קלאָזעט,
אָדער מ׳נעמט אַראָפּ דעם וואַסער קראַן.
פּלאָטקעס, וואָס קענען פֿירן צו אַ גט!
ערגער פֿון שכונת שפּירא ניט פֿאַרהאַן.

אויף אָרנטליכע מענשן שמוציגע בלבולים געמאַכט.
ווייל ניט געוואָלט, אַכציג פּראָצענט — העכערן!
אַז אַ פיינע פרוי — האָט אַ בורדעל, אויסגעטראַכט.
און אַנדערע, טוט מען די קעפּ לעכערן!

אַסאַך ווייבער — פּיל נחת זיי קלייבן;
פֿון רכילות, פּלאָטקעס, בייזוויליג אויסגעטראַכטע.
מ׳קען זיי קיין איין וואָרט ניט גלויבן.
די אַלטע — ווי יונגע, פּענימער אָנגעמאַכטע.

מענער וואָס קענען זיך ניט אונטער שרייבן,
שפּילן אַלס שיינע בעלי בתים! אַ ראָלע.
אויך זיי — פֿון פּלאָטקעס נחת קלייבן,
די צבוע׳קעס! — כאַפּן גאָט פֿאַר די פּאָלע.

אַ ביקור־חולים־קלייטל — איז דאָ אויך פאַרהאַן,
ווענדט זיך יעמאַנד נאָך הילף צום כוואַט,
אַ חכם ווי קוני־לעמל! — אַזאַ טיפּ יונגערמאַן
זאָגט ער יענעם, — גייט פּריוואַט, פּריוואַט!

מ׳זעט אויך רייך געקליידעטע יונגע לייטלעך,
זייער באַשעפטיגונג — אַ רעטעניש, געהיימניספול,
פון מענשן זער נאָנט — און דאָך ווייטלעך.
זייער פּאָרטפעל, מיט פונטן שטענדיג פול.

ס׳איז דאָ פאַרהאַן אַ רב און אויך אַ רב׳ל,
אַפילו אַ חסידים שטיבל, מיט אַ חזן אַ פּייפע.
פון גאַנצן לאַנד — דאָס גרעסטע פּעוול!
אויך אַ קאָרטן הויז! אַן אונטערוועלט קנייפּע.

פאַרשידענע משוגעים, כמעט נאַקעטע אינגאַנצן,
בינדן אָן זאַכן אין אויטאָס פון „המעביר״,
נאַקעט און באָרוועס אין גאַס ארום טאַנצן,
פּויקן אויף די פענסטער — שפּילן קלאַוויר.

מ׳שנייצט דאָ אויס א נאָז אַן אַ טיכל,
פאַרהאַן אַזעלכע חזירים, אידיאָטן!
זיי אינטערעסירט ניט צו לעזן אַ ביכל,
און טוען פון געלערנטע מענשן שפּאָטן.

דאָ געפינען זיך די גרעסטע לאַבוסעס.
זיי האָבן קיין דרך ארץ פאַר קיינעם!
נומער 9 די ערגסטע פון אַלע אַטאַבוסעס!
זיי שטעלן זיך ניט אויף פאַר זקנים.

אפילו פאַר קיין אַלטע שוואַכע פרויען,
פייפן, זינגען, כסדר קלינגען, טומלען, שרייען
מ׳קען די דאָזיגע חברה קיין זאַך טרויען,
קיין העפליכקייט זיטליכקייט, רויכערן, שפּייען.

דער שאָפער — האָט פאַר זיי מורא,
זיי דערגייען אַלעמען די יאָרן.
לעזן קיין בוך, קענען קיין תורה.
מ׳קען מיט זיי צוזאַמען ניט פאָרן.

פאַרהאַן אַ גראָבער שערער מיט ווילדע אויגן,
אים, זעט מען קיינמאָל קיין פאַרמאַכטן,
אַזוי ארום — אַ מאַסע קליענטן צוגעצויגן.
כח ווי אַן אָקס! — קיין מח צו טראַכטן.

נאָך אַ קרעמער זעט מען קיין פאַרמאַכטן.
זעלבסט פאַרשקלאַפונג, מ׳דאַרף אַזעלכע אַרעסטירן.
טאָג און נאכט אין די קלייט זיי שמאַכטן.
די גייציגע — טראכטן ניט זיך צו אַמוזירן.

דער שכונת־שפּירא־שוק — נעוון מיין טיר.
אלץ הייסט אַ שוק? אַן אָריענטאַלער יאריד!
אויף יעדן אַרטיקל, סוחרים מער ווי פיר.
ס׳איז כדאי צו זינגען דערפון אַ ליד.

תפוחי זהב! אשכוליות! אויף עברית אַראַבער,
פיסטאַקים, מיש מיש, שרייען יידן אויף אַראַביש.
לעבעדיגע קאַרפּן, פרישע אייר! קויפט ווייבער!
ווייסן קעסעלאך! אלטע זאכן! אראבער אויף יידיש.

אראבער זינגען, קוקו אהאַ, גלידה טובה, קנו ילדים
סאַברעס! שיינע גוטע סאַברעס! פרישע קאַלטע סאַברעס!
תפוחים, אגוזים, שזיפים, רמונים, שקדים,
ציבעלעס ברענזשינעס קוסעלעך, רעטאַך, באַנאַנעס.

עגבניות! וואַלענציאַ! סאַרדעלא! לתקן פרימוס!
תפוחי אדמה, זיתים, פאַרשידענע קולות אָן אַן עק.
עסקימאָ רעקס! סיאַמען! תירס חם! טורמוס!
און אַראַבער שרייט מאָדנע, מאַזאַ העק! מאַזאַ העק!

און אַנדערער שרייט, קאַק או בעט, טוט, טוט!
קאַלאַניע, אודם, פודרא, גומי, גברת קאָמבינעזאָן!
זער שיינע אַבאַטיחעס, גברת! רויטע ווי בלוט!
זיסע ווי האָניג! גברת! גיט אַ קוק פאַרדאָן.

אַ יאַטל מאַכט געוואַלדן ווי געריסן זיינע ציין.
על הסכין! באַטיחעס! דם! צוקער! ארבעה גרוש ראַטל!
אויפן טראָטואַר שאַלעכטס, מ׳קען צוברעכן אַ ביין.
צו דעם שמוץ — אַלס צוגאָב, אַ צובראָכענע באָטל.

עס קומען זיך צוזאַמען פון אלע עקן!
שוואַרצע ווילדע לאָבוסעס שטאַרקע ווי אָקסן!
אין טיר אַ שטיין — איבערן קאָפּ אַ שטעקן.
אין מיטן גאס פוסבאָל — אָדער זיך באָקסן.

באָקסן זיך ביי די פענסטער, ס׳קאָסט געזונט,
מ׳בעט זיך: גייט אַוועק — מאַכן זיי שפּאָט.
אַזאַ שויפענסטער, היינט, זעכציג פונט!
שוין קענען געלערנט די שכונה איר האָט!?

שכונת שפירא 1944

אין דער מדבר

ניט צוועק־לאָז, און ניט דרך אגב,
בין איך אין דער מדבר אוועק,
אין דער מדבר פון דעם נגב,
קיין שום באַקוועמליכקייט — אַ העק!

דאָך געגאַנגען מיט פאַרגעניגן,
געאַרבייט ווי אַן אייזל א פערד.
צוביסן פון די זאַמד־פליגן,
געשלאָפן אויף בלויזע ערד.

אין ארץ ישראל — ווייט פון יידן,
אַלעבן פון אַן עלענדן הונט!
דאָך — ניט אונצופרידן,
אבי צו פאַרדינען אַ פונט.

געלאָפן אין דער מדבר אוועק,
אום פון מענשן זיך אָפצורוען.
צרות געכאַפּט, גאַנצע פּעק!
מהאַט מיר דאָרט אָפגעטרוען.

ניט קיין יידן, — אויך קיין ווייבער,
ווילדע חיות אין מענשן געשטאַלט.
אונזערע קוזינען — די אַראַבער,
זיי שעלטן, זידלען, אוי געוואַלט!

איין אונפאָרזיכטיג וואָרט אַ קליינס,
באַלד איז גרייט דאָס מעסער!
גלויבט מיר! — אַלעבן אַ געמיינס,
צווישן שלעכטע יידן — פיל בעסער!

דיר על סניד 1940

אַ ווונטש צום נייעם יאָר

אַ ווונטש פאַר מיינע ליידענדע ברידער,
אַ ווונטש אַ קליינעם פאַר קיין ברירה,
יעדער ייד אָן אונטערשיד, יעדער,
דערפילט ווערן זאָל טרוימען זייערע.

ס׳איז דאָך אַבסאָלוט מעגליך,
זייער פאַרלאַנג, זער אַ באַשיידענער,
ניט פאַרפאָלגט צו ווערן טעגליך,
א קליינער ווונטש, קיין גאָלדענער!

ברויט צו דער זאַט,
ביי אַלע, אַלע יידן!
ס׳לעבן זאָל פליסן גלאַט,
רואיג בשלום צופרידן.

עס זאָל קומען ישועות ונחמות,
אויף אונטערדריקטע יידן איבעראל,
פארשווונדן זאָלן אלע מלחמות,
מקוים ווערן זאָל אונזער אידעאַל.

אונזער לאַנד צוריק באַקומען,
צום היינטיגן נייעם יאָר.
אונזערע שונאים זאָלן אומקומען,
אָמן, עס זאָל ווערן וואָר!

פאריז 1933

דאָקטער הערצל

אזוי ווי א גרויסער קאָמעט:
וואָס דערשיינט זער זעלטן,
פון דעם קאָסמאָס, העט, העט,
צווישן מיליאָנען ווייטע וועלטן.

ד״ר הערצל אויף דער בריק פון רהיין

דאָקטאָר הערצל טעאָדאָר בנימין:
דער גרויסער מאָדערנער פּראָפעט!
אין פיינסטן — נאַציאָנאַלן זין
היינט — יעדער ווייס, יעדער זעט.

וואָס ער איז, פאַר אונז געוועזן,
אַן אויסלייזער, אַ משיח! א רעטער.
די יידן פראַגע — ראַדיקאַל לעזן!
גערעדט, געשריבן אין אלע בלעטער.

איבערן רהיין, אויף די בריק,
זער פאַרטראַכט אַ מאָל געשטאַנען.
אין דעם יודנשטאַט — זיין בליק,
געשפינט האָט ער פון דאַנען.

ווי ירמיה הנביא אזוי גרויס,
איז דאָקטער הערצל געווען.
געווי געזען ער האָט פאָראויס,
וואָס מיט יידן וועט געשען.

אז אַ היטלער וועט קומען — געוווסט!
ניט ירמיה׳ס קינה — צוגעגרייט,
געפערליך געשמערצט זיין ברוסט,
זיין ציוניזם — איבעראל פאַרשפרייט.

נאך קאָנסטאַנטינאָפּאָל געפאָרן,
צום סולטאַן אַבדול חאַמיד,
געגעבן זיינע בעסטע יאָרן:
פאַר די באַפרייאונג פון ייד.

פאַרן פּאָלק געאָפּפערט זיין לעבן,
אַרום גערייזט טויזנטער מייל.
קיין אנערקענונג אים געגעבן,
פון פּאָלק דער גרעסטער טייל.

געוואָלט פאַרן צום רוסישן צאַר,
פאַר די יידן זיך זער געמיט,
זיין לעבן געשטעלט אין געפאַר,
זיין האַרץ געברענט, געגליט.

אוגאַנדאַ — אונז געגעבן צו וויסן,
ביי ציוניסטן, אַ שפּאַלטונג געוואָרן.
זיין האַרץ געבלוטעט געוואָרן צוריסן,
פון גרויס צער און צאָרן.

דער קאָמעט איז פארשוווּנדן!
אין קאָסמאָס — מיט זיין שווייף.
מיטן ציוניזם, אונז פאַרבונדן,
געוואָרן זענען מיר פּאָליטיש רייף.

אָפּטרעטן צוריק? — קיין איין שפּאַן!
אייביג פאָרווערטס מוזן מיר גיין.
אַ פּאָלק אָן אַ לאַנד — ניט פאַרהאַן.
געווען — אָבער, מער ניט זיין!

ארץ ישראל, אונזער איינציגע טרייסט!
זיין בילד, אונזערע שטובן צירן!
לעבן אייביג זיין גרויסער גייסט!
ס׳פּאָלק באַפרייען, פון גלות ארויספירן!

תל אביב 1944 צום פערציגסטן יאָרצייט.

באָרוכאָוו

פון אים געלערנט, אים נאָך געקענט:
מיט דעם פסעוודאָנים דאַנין,
אַ פייער אין אים געברענט!
אַ פעאיגער פירער ווי לענין!

זיין פייער האָט אָנגעצונדן:
צענער טויזנטער יונגע הערצער!
ציוניזם — סאָציאַליזם פאַרבונדן,
באקעמפט רעאַקציע שוואַרצער.

אין טורמעס געזעסן ביים צאַר:
צוליב זיין הייליגן אידעאַל.
אים פאַרשטאַנען — אפילו אַ נאַר!
זיינע לאָגישע רעדעס איבעראל.

ניטאָ מער — ניט פאַרהאַן:
אַזאַ אייזן לאָגישער רעדנער.
זיינע ווערטער געפּאַסט: ווי אָקאַן,
אירע קלעפקעס ביים בעדנער.

דעם גרעסטן אָראַטאָר, באַזיגט!
טראָץ קיין שטאַרקער רעדנער געווען,
איידל, פיין — ניט זיך געקריגט.
איך האָב דאָס אליין געזען.

זיין דעבאַטע מיט מאָריס מייער,
אין אַ לאָנדאָנער טאַון האָל,
שטיל האָט ער געצונדן אַ פייער,
רעדנדיג מיט אַ הייזעריג קול.

זיין געגנער, אונטערגעבן זיך געמוזט,
ווייל – געוואָרן באַזיגט לייכט,
טויזנטער מענשן! געזען, געוווּסט,
באָרוכאָוו – זיין ציל דערגרייכט.

בונדיסטן, געוואָרן פּועלי ציוניסטן!
ס׳איז אמת! ניט קיין וויץ.
אַ פירער פון די בונדיסטן,
געשטאַנען אין דער שפּיץ!

אַזוי האָט ער געקעמפט, גערעדט,
אין רוסלאַנד – אין אַלע לענדער.
קיינער האָט פון אים געשפּעט,
ער האָט באַזיגט ציונס שענדער.

אַמאָל – ניט געקענט קיין יידיש,
אָבער ניט לאַנג געדויערט,
אַלע פראַגן – שטודירט יורידיש,
אַ פעסטע אידעאָלאָגיע אויפגעמויערט.

ניט בלויז אַן אידעאָלאָג:
איז ער פאַר אונז געווען,
געפאָרשט יידיש, אַלס פילאָלאָג,
אין בריטישן מוזעאום געלעזן.

גלייך באַרעכטיגט ביידע שפּראַכן,
ביידע, אים געווען טייער!
ניט געשטערט – דורך וואַכן,
אין יידיש! – געברענט זיין פייער.

װען ער װאָלט דאָ געלעבט היינט:
װאָלטן ניט געװען אַראַבישע פּאָגראָמען.
ער װאָלט זיי געמאַכט פאַר פריינט,
ער װאָלט דאָס ניט פאַרזוימען.

ניט קיין געלט! — אונז פעלט,
בלויז זיין לאָגיק — אייזערנע!
אַ פירער װי ער! אונז פעלט,
װי אין אַ הויז — אַ גלעזערנע.

געעפנט האָט זיך שטורמיש דער קראַטער,
די באָלשעװיסטישע רעװאָלוציע אויסגעבראָכן.
בערלס גייסט — קיין רואיגער גלאַטער,
קוים זיך איינגעהאַלטן — עטליכע װאָכן.

פון אַמעריקע נאָך קיעװ געלאָפן,
קיינמאָל! ניט געשװינט זיין לעבן.
האָט ליידער אַן אומגליק געטראָפן,
און פאַרלוירן זיין װיכטיג יונג לעבן.

אָרימער בערל באָרוכאָװ, בער!
אַזוי פריצייטיג איז ער געשטאָרבן,
װער איז זיין פאַרטרעטער, װער?
זיין אידעאָלאָגיע, פאַרקריפּלט, פאַרדאָרבן.

חברים! בלייבט געטריי זיינע אידעען!
ניט פאַרװאַסערן — ניט אָפּלענקן!
װי ער װאָלט געלעבט — געזעען!
היכע אַכטונג, זיין טייערן אָנדענקן!

תל אביב 1935 צום אכצעטן יאָרצייט

טרומפעלדאָר

(עפּאָפּעאַ)

מיר האָבן פאַרלוירן אַ זעלטענעם העלד!
דעם וועלט באַרימטן קאַפּיטאַן טרומפּעלדאָר,
געפאַלן – אויף אונזער שלאַכט־פעלד,
דער גרעסטער העלד פון זיין דור!

ער האָט ניט געהאַלטן: פון בלויזן, גלאַטן:
וואַרפן פראַזן, דיסקוטירן, און רעדן,
נאָר פון טוען מעשים, גרויסע טאַטן!
און געלערנט האָט ער – פון יעדן.

האָט שטענדיג געהאַלטן זיין וואָרט,
זיינע באַשלוסן פונקטליך אויסגעפירט!
ניט געצעגערט – באַלד אויפן אָרט!
מיטן ציון־מיול־קאָרפּוס אָנגעפירט.

טערקן און דייטשן האָט ער צעשלאָגן.
געשאַפן – דעם רויטן מגן דוד.
די יידישע פאָן שטאָלץ געטראָגן!
האָט פאַרשאַפט זיין פאָלק כבוד.

זיך באַקענט מיטן קאָלאָנעל פּעטערסאָן,
מיט זאב זשאַבאָטינסקי צוזאַמען,
געשאַפן האָבן זיי דעם יידישן לעגיאָן,
פיבערהאַפט – קיינער ניט נאָכאַמען.

קאַפּיטאַן, געשטיצט האָט מען דיך,
געדריקט דיין איינציגע העלדישע האַנד.
דיר געוואונשן — זאָלסט זיין מצליח!
גייענדיק קעמפען פאַר אונזער לאַנד.

נאָך די העלדישע מדבר־שלאַכטן!
זיגעריש אַריין אין ארץ ישראל.
און באַלד גענומען באַטראַכטן;
יעדן וויסטן באַרג און טאָל.

געפּלאַנט האָט ער צו שאַפן ווינדער,
פון די דאָזיגע בערג און טאָלן,
אַהיים, פאַר מיליאָנען יידישע קינדער!
פּרדסים פלאַנצן — אייגענעם ווייץ מאָלן.

דער אמתער בראַווער חלוץ!
ניט געקוקט אויף מאַלאַריע, — פּאָקן.
געשאַפן א העלדישע זעלבסט־שוץ!
קיין זאַך האָט אים געשראָקן.

מיט עטליכע חברים האָט ער געשאַפן,
נעוון סיריען — די קאָמונע תל חי!
געפאַלן, פון ווילדע מערדערס וואָפן,
אומגעקומען — צוזאַמען מיט זיי.

פאר זיין לאַנד האָט ער געברענט,
גוט — צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד,
געמורמלט — אַ גוסס אויף די הענט.
מיטן געווער, אין זיין איינציגע האַנד.

ניטאָ מער! קאַפּיטאַן טרומפּעלדאָר,
דער העלד מיט אַן איינציגע האַנד!
איינער פון מיליאָנען! איינער פון אַ דור!
העלדיש געפאַלן פאַר אונזער לאַנד.

דאָס לאַנד פון אונזערע טרוימען,
איר ערד באַפרייען! — אויסלייזן,
טרומפּעלדאָר! — אַנדערע וועלן קומען.
מירן באַפרייען! — מיט גוטן, צו מיט בייזן!

הער זיך איין דו בראַווער העלדישער קאַפּיטאַן!
דו האָסט דיינע קאַמפן וואונדערליך אָנגעפירט!
און דערמיט באַוויזן אַ מוסטער פון אַ פּלאַן,
צו ווערן מיליטעריש — גוט אָרגאַניזירט!

שלאָף רואיג — קאַפּיטאַן טרומפּעלדאָר,
דיין אָנדענקען, אייביג, מירן ערן טייער!
דאָס לאַנד באַפרייען, וועט אונזער דור!
מיט שלום — אָדער מיט פייער!

טרומפּעלדאָר, זער שיין איז דיין קאַפּיטל,
אין אונזער נייע באַפרייאונגס היסטאָריע,
מיר וועלן אייביג שעצן דיין הויכן טיטל,
יידישער העלד, פון ערשטע קאַטעגאָריע!

ירושלים 1925

ברענער

(געווידמעט צו זיין פינפטן יאָר צייט)

אַ יידיש סאָציאַליסטיש טייער האַרץ,
האָט אין פתח תקוה געקלאַפּט,
א פּרדס – געזען זיין טויטליכן שמערץ,
יענע ערד – זיין בלוט איינגעזאַפּט.

אומגליקליכער יוסף חיים ברענער,
אָרים און פאַרוואָגלט זיין גאַנץ לעבן,
שטילער אינטעלעקט, גרויסער קענער,
נאָך אין לאָנדאָן, געווען זיין שטרעבן.

צו רופן און וועקן זיינע ברידער,
באַטיטלט זיין זשורנאַל „דער וועקער",
באַשיידן, שטיל אָן אַ גערידער,
געווען רעדאַקטער פון דעם „המעורר".

אומדערמידלעך גערופן אין זיין זשורנאַל,
געוועקט פאַרטעמפּטע יידישע הערצער,
זיין כח, זיין געלט – פאַר זיין אידעאַל,
ער איז אליין געוועזן דער זעצער.

פּראָפּאַגאַנדירט פאַר אונזער לאַנד,
צו בויען אויף סאָציאַליסטישע יסודות!
קאָאָפּעראַטיווע גרופן זאָלבע נאַנד.
ער האָט ענטפּלעקט – פיל סודות!

לאָנדאָן, איז אים געוואָרן לאַנגווייליג,
מיט אירע שוואַרצע און געלע פאָגעס,
איז ער אַוועק – גיך און אייליג;
נאָך ארץ־ישראל, אָן טרעוואָגעס.

פלייסיג האָט ער געאַרבייט און געשאַפן,
ווי מאַרקס און באָרוכאָוו האָבן געלויטעט,
ווילדע אַראַבער — געקומען מיט וואָפן,
אים שרעקליך ברוטאַל געטויטעט!

די מערדערס האָבן זיכער ניט געוווּסט,
זיי האָבן דערמאָרדעט זייערס אַ פריינט,
געשטאָכן זיין טייער האַרץ און ברוסט,
זיי ווייסן נאָך ניט — אפילו היינט.

אויך פיל פון אונזערע יידישע ברידער!
ווייסן ניט: ווער ס'איז געוועזן ברענער.
פיל ווערק געשאַפן, אַן אַ גערידער,
אַן אויסנאַם, פון מיליאָנען מענער!

קיין מזל — דער טאַלאַנטפולער ברענער.
שעפעריש רייך — אָרים אין לעבן.
ניט געווען קיין סך מבינים — קענער.
היינט — פיל פלעצער, זיין נאָמען געגעבן.

ער ווערט, מיט ערפורכט דערמאָנט,
צוזאַמען מיט גרויסע יידישע קדושים,
געפאַלן — ווי אַ גענעראַל אויפן פראָנט,
ריכטיג אָפגעשאַצט צו זיינע שלושים.

און וואָס מער עס גייט אַוועק אַ יאָר,
נאָך די טראַגעדיע פון דעם ברענער,
אַלץ מער און מער ווערן מיר געוואָר,
פאַרלוירן אַ זעלטנהייט פון סאָציאַליסטישע קענער.

ירושלים 1926

מיט שטומען צער

מעמאַריאל

געווידמעט צו די ערשטע יאָרצייט פון מיין אומפארגעסליכן
טייערן בן יחיד הימן אבנר ז״ל ח׳ע׳ד׳ו׳מ תנצב״ה

ס׳קען קיין גרעסערער צער ניט זיין!
עס גיבט קיין גרעסערער שמערץ!
ווי צו פאַרלירן אַן איינציגן טייערן זון!
עס האָט טיף פאַרוווּנדעט מיין הערץ!

מיט גרויסע מי און ליידן, דערצויגן,
קוים, ביז אַ צוועלף יאָר אַלט,
און פאַרשוווּנדן פון אונזערע אויגן,
אויף פאַנטען פאריז, אין א קבר קאַלט.

מיר קומען אָפט באַזוכן דיין קבר.
ניט בלויז אַ טייערער זון אונז פעלט,
אַ ליבער, גוטער, און געטרייער חבר!
פון בענקשאַפט, גרוי און פאַרגעלט!

מיר וועלן נאָך דיר אייביג טרויערן!
אזוי לאנג ווי מיר וועלן לעבן!
מיר זענען ווי שאָטנס פון מויערן!
קיין ערזאַץ — ניט געבן!

מיט שטומען צער — איך שטיי,
ביי דיין האַרצרייסנדן קבר,
אויך דיין מאַמע זאַלבע צוויי,
ס׳ציטערט אין אונז יעדעס אבר!

וואָס זאָל איך רעדן — זאָגן,
ווערסטו דען מיך דערהערן!?
אין דיין פינסטערן קבר קלאָגן.
כ׳וועל בלויז די מאַמעס צער מערן.

מיר רעדן פון דיר יעדן טאָג!
אויף קיין רגע דיך ניט פאַרגעסן!
אונמעגליך! צו פאַרגעסן אַזאַ קלאָג.
ס׳באַקומט אונז קיין לעבן קיין עסן.

מיר קענען מער ניט לאַכן:
האָבנדיג דיך אין געדאַנק.
אין אַלע איברים טוט שטאַכן,
און מיר ווערן אָפט קראַנק.

פון דעם אַלעם ווייסט דו גאָרניט!
דאַרום שטיי איך ביי דיין קבר,
מיט שטומען צער! — און רעד ניט,
עס ציטערט בלויז יעדעס אבר!

פאריז דעם 6טן מארס 1933

העלדנמוט

(עפּאפּעא)

בעסער אויפן פעלד,
אַ שוואַכלינג צווישן העלדן,
איידער — אַ העלד,
צווישן פּחדנים דולדן.

בעסער צו פאַלן אין געפעכטן,
פאַר די באַפרייאונג!
איידער צו שמאַכטן,
אונטערן יאָך פון אונטערדריקונג.

בעסער שעצן און אַכטן,
אייגענע אָרימע ווירטשאַפט!
איידער ליידן שמאַכטן,
אונטער רייכע הערשאַפט!

בעסער אַ יידיש לאַנד — ארץ ישראל!
פון אַ יידישע רעגירונג אָנגעפירט;
טראָץ אָרים קליין און שמאָל;
איידער אין דער פרעמד אַסימילירט!

בעסער צו ווערן:
געהאַסט פאַר וואַרהייט!
איידער צו ווערן
געליבט פאַר פאַלשקייט!

בעסער צו זיין:
דער קלענסטער פון שטודירטע!
איידער צו זיין:
דער גרעסטער פון פאַרפירטע!

בעסער צו פאָלגן:
דעם שכל פון אַ קינד!
איידער צו פאָלגן:
אַלטן אונזין געשווינד!

בעסער צו ליידן נויט!
איידער אָנקומען צו יענעמס טיש,
בעסער אייגענע טרוקן ברויט!
איידער יענעמס געפילטע פיש.

בעסער צו ווערן:
צווישן אייגענע באַליידיקט.
איידער צו ווערן:
צווישן פרעמדע פאַרטיידיגט.

לאָנדאָן 1922

אַ יידישע רעפּובליק
(דעקלעמאַציע)

עבר הירדן האָט איר שוין אָפּגעריסן,
ניט אונז געפרעגט — ניט אייער געוויסן,
יעצט ווילט איר ווייטער צוטיילן —
אונזערע פּויסטן ווען מיר ביילן!

מיר וועלן דאָס ניט פאַרשווייגן!
אפילו עבר הירדן ניט פאַרבייגן!
אונזער פאָלק מיט אַ דריטל פאַרקלענערט!
דאָך, אונזער לאַנד — ניט ווערן געמינערט!

איר זאָלט דאָס פאַר קיין פאַל דערוועגן!
עס איז דאָך ניט אייער פאַרמעגן!
אויב די אַראַבער האָבן נאָך ווייניג!?
דאַן זאָל זיי דער ענגלישער קעניג

שענקן נאָך אַ שטיקל טעריטאָריע.
זער גרויס אייער אימפּעריע!
ניט אונזער שטיקעלע, נאָך צו ברעקלען!
צום ברעכן! — טאָט שוין עקלען.

מ'האַלט אונז אין די צוים,
איינהאַלטן מיר קענען זיך קוים.
אין אייראָפּע אונטער געטאָ־מויערן,
נאָך מיליאָנען קרבנות מיר טרויערן!

אין קרעמאַטאָריומס לעבעדיג פאַרברענט!
אונזער גייסט פאַרניכטן קיינער געקענט!
ניט המן, טיטוס, און ניט היטלער!
און קיינמאָל! — קיין אַנדערע פאַרמיטלער.

עס שרעקן אונז מער ניט קיין האַרמאַטן!
מיר האָבן שוין אויך גוטע סאָלדאַטן.
זיי קענען אויך זער גוט צילן,
מער פון צופיל, געלעסטערט אונזערע געפילן.

מיידאַנעק, אָשוויץ און נאָך, האָבן אונז געלייטערט,
פון שרעק, אַבסאָלוט געוואָרן דערווייטערט!
מיר פאַרמאָגן היינט מאָדערנע פאַרטיזאַנען,
אַנטלאָפענע פון קרעמאַטאָריומס און טויט־באַנען.

און פון די שרעקליך גרויזאַמע טרעבלינקע:
זיי זענען זער געשיקטע, גאַנץ פלינקע.
עס בלאָזן מזרח־ווינטן — נייע צייטן,
צורייסן וועלן מיר אונזערע קייטן!

מיר האָבן ניט — וואָס צו פאַרלירן,
ברעכן וועלן מיר אלע טויערן טירן!
באַפרייען מוזן מיר אונזער היים!
רעכטליך! — עפנטליך! ניט אין געהיים.

קעמפן, אפילו מיט ביקס און שווערד! —
פאַר אונזער היסטאָריש־הייליגע ערד,
עבר הירדן — ניט אָפּרייסן!
מיר זענען ניט די פּרייסן.

מ׳קען אונז אַבסאָלוט געטרויען!
מיר ווילן קיין אימפעריע בויען.
בלויז אַן אייגענע זיכערע היים!
געבויט מיט ציגל און ליים.

קיין שום פאָלק — ניט איינשליננגען,
מיר ווילן קענען פריי זינגען!
אויף אונזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן,
אונזער קולטור אַנטוויקלען, שענער מאַכן.

קיין שטיפקינדער — מער ניט זיין!
מיר'ן צוריק באַקומען אונזער חן.
גיט אונז צוריק אונזער לאַנד!
נעמט שוין אַראָפּ די שאַנד.

פון זיך זעלבסט, פעלקער ציוויליזירטע!
איר זענט דאָך עפּעס שטודירטע!?
איבערהויפּט די ענגלישע דזשענטל־לייט איידעלע
זיי דאַרפן זיך צו שעמען — ווי אַ מיידעלע!

פאַלן וועלן אַלע אייערע טראָנען!
הערט אויס קעניגע — פון נאַציאָנען!
ביז ניט רעאַליזירן אונזער חלום!
אויף דער וועלט — קיין שלום;

כמעט צוויי טויזנד יאָרן — געפּליכטעט!
מען האָט אונז שוין באַלד פאַרניכטעט!
מיר זענען — ווי שפּינען אין די אויגן!
איינגעבעטענע געסט — פאַר קיינעם — ניט טויגן!

גיט אונז אָפּ די גזלה — צוריק!
מיר מוזן האָבן אַ יידישע רעפּובליק!

תל אביב 1945 — 3 — 1

טענות צום רבונו של עולם

(סאַטירישע דעקלעמאַציע)

רבונו של עולם, דו ביסט דאָך אַזוי אַלמעכטיג!
מיטן כוח פון דיין וואָרט — באַשאַפן אלע וועלטן,
חיות, בהמות, עופות און מענשן, פרעכטיג!
אלערליי בוימער, און בלומען, היצן און קעלטן.

אלערליי ווערים מיקראָבן און אלע מינע מזונות,
די מענשן, אויף פארשידענע ראסן צוטיילט,
פיל פעלקער, מיט טויזנד פאַרשידענע לשונות!
פון אַלע — האָסטו אונז יידן אויסדערוויילט!

אַלס דיין הייליג פאָלק, דיינע הייליגע שאָף,
פון אַלע פעלקער, אונז, העכער דערהויבן,
פון הר סיני צו אונז געקומען דיין רוף,
אין דיר זיך צו פארזיכערן אין דיר גלויבן.

צו אונזער פאָטער אברהם האָסטו צוגעשווירן,
פאַר דיינע קינדער אויף אייביג ס׳דאָזיגע לאַנד,
ווי די שטערן פון הימל וועל איך זיי מערן!
ווי פון דעם ברעג ים — דאָס זאַמד!

אויך צו יצחק און יעקב האָסטו פאַרשפּראָכן,
ס׳דאָזיגע לאַנד פאַר דיר און דיינע קינדער,
ווען מלאכים פון הימל, אויפן לייטער געקראָכן,
פון נילוס ביזן נהר פרת! — פאַר דיינע קינדער.

האָסט יעקבן ס׳לאַנד און אַלדאָס גוטס צוגעזאָגט,
דו, דיינע קינדער, קיינמאָל ניט וויסן פון נויט!
ניט לאַנג געדויערט, האָט יעקב זיך באַקלאָגט,
מיר האָבן שוין באַלד ניט קיין שטיקל ברויט.

זיינע קינדער, נאָך מצרים, וועגן עסן זיך מיען,
יעקב איז געשטאָרבן אין דעם פרעמדן מצרים,
פון צוגעזאָגטן לאַנד, נאָך גושן — זיך אַריבערציען,
און פרעמדע — האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים.

יעקבס קינדער, זענען נעבעך געוואָרן אזוי געפּלאָגט!
אַז קינדער, אין די ווענט! — האָבן זיי איינגעמויערט,
נאָך די גליקן, וועלכע האָסט אונזערע אָבות צוגעזאָגט,
זייערע ליידן און פּיין, הונדערטער יאָרן געדויערט!

ביז עס איז אַ משה רבנו אויפגעשטאַנען,
וועלכער אין פּרעה׳ס הויז געוואָרן דערצויגן.
ער האָט די יידן באַפוילן: אַרויס פון דאַנען!
אייביגע שקלאַפעריי — פאַר אייך ניט טויגן!

ער האָט די יידן זער גוט אָרגאַניזירט,
יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער!
ער האָט זיי מיטן פאַרמעגן — אַרויסגעפירט,
ער האָט פּאַקטיש באַוויזן גרויסע וווּנדער!

זער גרויסן קוראַזש! — און הויך געבילדעט,
ער האָט די יידן אַ הייליגע תורה געגעבן,
זיי זענען דאַן געוועזן זער פאַרווילדעט!
האָט ער זיי געלערנט שענער צו לעבן.

ניט געלאָזט דינען צו אַ קאַלב אַ גאָלדענעם,
אויסגעקריצט האָט ער פאַר זיי אַ פּאָר לוחות.
צו דינען גאָט, דעם איינציגן געמאָלדענעם,
זיי זענען געווען ווילד, פאַר אלדי רוחות!

משה רבנו האָט זיי געזאָגט: אין הימל, זיצט גאָט.
און ער קען באַווייזן אומנאַטירליכע ווינדער!
טראָץ ער אַליין — דיך קיינמאָל געזען האָט,
ער האָט זיי געמאַכט גלויבן — דיינע קינדער.

ער האָט דיינע הבטחות — גאַנץ פעסט באַשטעטיגט.
אין לאנד פון מילך און האָניג, זיי אריינצופירן,
משה אַליין, אַ הינצו אַריין, האָט ליידער פארשפעטיגט,
דאַן האָט זיין אַדיוטאַנט יהושע גענומען זיי רעאָרגאַניזירן.

ענדליך איז דיין פאָלק געקומען אין צוגעזאָגטן לאַנד,
נאָך פערציג יאָר מדבר וואַנדערן, מלחמות און ליידן!
געווען ווייניג וואַסער פעלזן־שטיינער און זאַמד!
קיינמאָל געהאט קיין גוטס, קיין נחת, קיין פריידן!

ארץ כנען, אין לאנד פון ווילדע פעלקער און שבטים,
מיט נסים פון מצרים אַנטלאָפן, דורך דעם ים שפּאַלטן,
איז געקומען דיין גוי קדוש, יעקב׳ס צוועלף שבטים,
און אויף ס׳ניי געמוזט, מיט זיי אלע, מלחמה האַלטן.

פון אייביג אָן מיט זער פיל צרות אָנגעזאפּט!
מיט די פלשתים, שטענדיג געפירט מלחמות!
שוין יצחק׳ן: האָבן זיי די ברונעס פאַרשטאָפּט!
שמשון הגבור, האָט אין זיי גענומען נקמות.

שאול המלך: דער ערשטער יידישער קעניג,
דוד המלך: מיט אלע שכנים, זיך געשלאָגן.
כמעט אַלע יידישע מלכים, געפירט מלחמות ניט ווייניג.
קיינער קען דיין הייליג פאָלק ניט פאַרטראָגן!

אַט איז געקומען דער ווילדער מלך בבל, נבוכדנצר,
און האָט מיליאָנען פון דיין הייליג פאָלק פארניכטעט!
פאַרברענט דיין טעמפּל, פאַרנומען דיינע קינדערס פלעצער!
די לעבן געבליבענע האָבן אלס שקלאפן געפליכטעט!

ביז דער גוטער כורש מלך בבל האָט זיי באַפרייט,
עזרה און נחמיה האָבן זיי צוריק אַהיים געפירט!
ס׳פארוויסטע לאַנד מיטן הייליגן טעמפּל ווידער באַנייט,
דיין אויסדערווײלט פאָלק, איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט!

דיין אזוי באליבט פאָלק, ניט לאַנג זיך געפרייט,
ביז טיטוס הרשע, האָט זיך אין זיי דערמאָנט.
שרעקליכע רציחות און פּיין, זענען געוואָרן באַנייט.
פון דיינע הייליקייטן — געבליבן בלויז איין וואַנט!

דיין הייליג פאָלק, איז ווידער געוואָרן פארטריבן!
נאָך רוים, זיי אוועק געפירט אַלס שקלאפן!
אין צוגעזאָגטן לאנד — זענען זיי ניט פאַרבליבן!
אָ גאָט! אָן רחמנות טוסטו אונז שטראָפן!

אָב הרחמים, חוס ורחם עלינו, כרחם אָב על בנים,
בעטן מיר דיך שוין טויזנטער יאָרן טאָג און נאַכט,
מיר שעמען זיך שוין צו ווייזן אונזער פנים!
אלע טירן און טויערן, פאַר אונז פאַרמאַכט!

עס איז שוין באַלד אַוועק אָ יאָר צוויי טויזנד!
ווי עס זענען פרטריבן, געפּלאָגט דיינע עלענדע קינדער!
זייערע צרות שרעקליך! ווי דער ים ברויזנד!
אָ גאָט! ווו זענען דיינע נסים!? אַמאָליגע ווינדער.

דיינע אומגליקליכע קינדער, ווי געדולדיג זיי וואַרטן!
אז משיח, אן אויסלייזער זאָל צו זיי קומען!
שוין באַלד צוויי טויזנד יאָר! ווי מיר וואַרטן,
און אנשטאָט אַ משיח – איז היטלער געקומען!

ער וויל דיין הייליג פאָלק, אינגאַנצן פאַרטיליגן!
דעם בעסטן טייל – האָט ער שוין אָפּגעמעקט!
אָ גאָט! ווו ביסטו!? קענסטו דאָס באַוויליגן!?
דיין הייליגער נאָמען, געוואָרן באַשמוצט, באַפלעקט!

די שונאים פון דיין פאָלק, שפּאָטן פון דיר און לאַכן!
אַזוי ציניש: דאָס אויסדערוויילטע פאָלק איר זענט!?
טויזנדיג אומשולדיגע קינדער אויף באַיאָנעטן שטאַכן!
דיינע קינדער און דיינע הייליקייטן ווערן פאַרברענט!

יונגע מיידלעך ווערן ברוטאַל געשענדעט מאַסן!
אין דיין טעמפּל, אויפן פאַרמעט פון דיין הייליגע תורה!
אנשטאט זיך אין אונז צו בענשן – שרעקליך האַסן!
די גוים – האָבן פאַר דיר גאָר קיין מורא!

לא לנו, לא לנו כי לשמך תן כבוד,
זיי שענדן דיין הייליגן נאָמען, טוען דיך לעסטערן!
מיר – ווען אפילו זינדיגע, ווי אַבשלום בן דוד,
האָבן מיר דאָך, אויך גוטע, ברידער און שוועסטערן!

און ווען אפילו מיר אלע!? זענען זער זינדיג!
מיר האָבן געטוען די ערגסטע עבירות!
זענען דען די אונשולדיגע עופּה׳לעך אויך שולדיג!?
און דיין כבוד?! – ביסטו הילפלאָז אָן ברירות!?

ס׳איז דאָך בפירוש געשריבן אין דיינע הייליגע געבעט־ביכער
ווי שניי, ווייס־וואַשן אונזערע זינד: אויב ווי רויטער פּאָדים, רויט.
צוויפלהאַפט, מיר זענען אין דעם שוין מער ניט זיכער!
זעענדיג ווי דו לאָזט דיין פאָלק פאַרפּייניגן צום טויט!

רבונו של עולם! דו האָסט דאָך אַלע וועלטן באַשאַפן!?
און אונז יידן אלס דיין הייליג פאָלק אויסגעקליבן!?
וואַרום לאָזט דו זיי איבער אונז הערשן, פאַרשקלאַפן!?
וווּ איז דיין שבועה, דיין ברית — וואָס אונטערגעשריבן?

אלע פעלקער טוען אונז פּייניגן, מענכע שלאָגן!
פרעמדע, הערשן אין אונזער צוגעזאָגטן הייליגן לאַנד!
כמעט פון איבעראל וויל מען אונז ארויס יאָגן!
און דיין נאָמען!? ער ווערט צו שפּאָט און צו שאַנד!

אָ, גרויסער אַלמעכטיגער גאָט! באַווייז דיין נס, באַווייז!
שוין הויכע צייט, אַז דו זאָלסט נסים באַווייזן!
טאָ מאַך אונזערע שונאים׳ס בלוט קאַלט ווי אייז!
טו שוין דיין אומגליקליך פאַרוואָגלט פאָלק אויסלייזן!

טיפער פון אָקעאַן! די יידישע ליידן און פּיין!
אפשר שלאָפט ער גאָר, דער אַלמעכטיגער גאָט!?
אָבער ניין, דאָס קען דאָך ניט מעגליך זיין!
ווייל — נאָך קיינמאָל געדרימלט אַפילו ער האָט!

עס שטייט דאָך אין די תפילות — בפירוש געשריבן:
הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל.
רבונו של עולם! צופיל געשטראָפט, צו לאַנג פאַרטריבן!
באַפריי שוין דאָך — דיין גוי קדוש עם ישראל.

תל אביב 1943

די געטאָ

די אַמאָליגע געטאָס צו דערליידן,
טראָץ געליטן שאַנדעס און נויט.
היינט מער ווי שרעקליך, די ליידן!
מ׳פאַרפייניגט אונז סאַדיסטיש צום טויט!

אַקעגן היינט — געווען אַ גן עדן!
טראָץ געטראָגן אַ געלע לאַטע.
פיל ערגער — פון ווילדע היידן!
טויטן זיינע קינדער זעט אַ טאַטע!

אַ מאַמע, זעט שענדן אירע קינדער!
נאכהער ברענגט מען אויך איר אום!
יונג און אלט, אויסשעכטן ווי רינדער!
און שאַ שטיל — די וועלט — ווי שטום!

די היטלער געטאָ דעם פאַרהאַסטן,
וועלן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן!
צום זכר — וועלן מיר פאַסטן,
ניט אַמוזירן זיך — ניט עסן.

ס׳אומשולדיגע, פאַרגאָסענע בלוט, ניט רוען.
עס רופט, עס שרייט, נעמט נקמה!
ברידער און שוועסטער, מעשים טוען!
מיר מוזן האָבן, עפּעס אַ שטיקל נחמה!

בלויז אַ חרם — ווייט ניט געַנוג!
די מיליאָנען קרבנות, ניט פאַרציכטן!
ס'מוז אויף זיי קומען אַ גרויסע פּלאָג!
מיליאָנען זאָלן זיי אין גלות פליכטן!

ווי שקלאַפּן אַרבייטן שווער און ביטער!
זאָלן זיי די חורבות, צוריק אויפבויען!
ניט זויפן ביר, פרעסן שפּעק, פּוטער!
פאָלקאָם ענטוואַפנען — ניט געטרויען!

מ'טאָר זיי ניט לאָזן די קעפּ אויפהויבן!
און ניט צוריק בויען זייערע חורבות!
אויסוואָרצלען זייער הויכשטאַפּלטן גלויבן!
זאָלן זיי הונגערן, גיין נאַקעט און באָרוועס!

מיר, די שארית הפליטה — פון די יידן,
מוזן ווערן טעטיג — זער אַקטיוו!
מיר טאָרן ניט בלייבן רואיג, צופרידן,
און ניט מער זיין — אַזוי נאַאיוו!

מיר האָבן שוין זער גוט קענען געלערנט,
דיזע פאַלשע בלוט דורשטיגע חיות!
קיין פאָלק האָט אונז אזוי דערצערנט,
טויטעט דעם העסליכן דראַכן, אָן הועיות!

פון יידישן פאָלק, אומגעברענגט אַ דריטל!
די דאַזיגע שטאָלצע ווילדע באַרבאַרן!
פאַרשריבן געוואָרן — אין רויטן קוויטל,
אין גאז קאַמערן, מער ניט פאַרנאַרן!

באַגראָבן, אין גיגאַנטישע ברידער־קברים!
צומזיקטע, ניט מער צום דערקענען!
און מיטן כח – פון יידישע איברים,
מיליאָנען, געשלעפּט צום פאַרברענען!

בסוד סודות – קיינער ניט וויסן,
די דאָזיגע קברים ניט ענטדעקן,
בקרוב וועט דייטשלאַנד ווערן צוריסן,
און דער נאַציזם וועט פאַרעקן!

אויפשוידערן וועט די גאַנצע וועלט!
מען וועט ענטדעקן די דאָזיגע קברים,
אַנווייזן וועלן, אַנטרונענע פון – יענער וועלט,
פאַרשרייבן וועט מען דאָס אין שוואַרצע ספרים!

די געטאָ׳ס וועלן ווערן אויפגעלעזט!
ויתאמת: לא ישקר נצח ישראל!
עם ישראל חי! מירן ווערן אויסגעלייזט.
און מיר וועלן אויפבויען ארץ־ישראל!

תל אביב 1944.

דער יידישער בוים

ליריש

דער אַלטער, אור אַלטער יידישער בוים,
ציטערט און פלאַטערט פאר זיין קיום!
עס האָט זיך געעפנט אַ טיפער תהום,
אַ מורא, א פחד, נורא ואיום.

אונזער אַלטער, אור אַלטער שטאַם,
קען נאָך פארניכטעט ווערן, חס וחלילה.
דורך דעם שרעקליכן פייער פלאַם,
טראָץ ער טוט, אזוי פיל תפילה.

אַ שטורם ווינד, אַ טייפון א ריזיגער!
רייסט און ברעכט זיינע צווייגן.
זיי ווערן וואָס אַמאָל ווייניגער!
צו דער ערד, טוען זיי זיך בייגן.

דיזער בוים, זער אַ גרויסע טרויעריגע געשיכטע!
מיט בלוט און טרערן, כמעט יעדעס קאַפיטל!
זיינע צווייגן, שוין ניט מער אַזעלכע געדיכטע,
און דער שטאַם, פאַרקלענערט מיט אַ דריטל!

מיטן שטורם ווינד זיינע בלעטער צעפליען,
פון בבל, רוים, שפאַניע, ביז פרייסן,
ס׳וועט זיך איינשטילן, ר׳וועט זיך ווידער צעבליען
אַזאַ אַלטן שטאַם, קען מען ניט אויסרייסן!

מ׳מוז אים אָבער, טיילווייז צעמענטירן,
ער זאָל חס ושלום, ניט אָפשטאַרבן.
מ׳מוז פאָרטזעצן אים צו קולטיווירן,
און ניט לאָזן, מ׳זאָל אים פאַרדאַרבן.

תל אביב 1944

יתומים

אַ ווי גליקליך! יענע קינדער זענען,
וועלכע, טאטע מאַמע רופן קענען.
ווען ס׳וואַכן אויף די גליקליכע פייגעלעך,
צערטליכע קושן באַדעקן זייערע אייגעלעך.

אוי מיין אוצר! מיין טייער זיס קינד!
טרינק אַ ביסל וואַרימע מילך אין בעט.
טרינק מיין ליכטיג קינד, ניט געשווינד,
האַרציג, זי קושט און זי גלעט.

קיין זאַך, פאַרן קינד ניט צו טייער,
איר אייגן געזונד, איר גאַנץ לעבן!
לויפן אין וואסער און אין פייער!
אלעס וועט זי פאַרן קינד אַוועק געבן.

זאָל איר קינד נאָר געבן אַ קרעכץ,
לויפט זי גלייך צו דאָקטוירים!
יאָכלעך פון טייבעלעך, ס׳בעסטע געקעכטס!
זי פאַלט פאַר איר קינד כורעים!

אָבער קינדער אָן אַ מאַמע אָן אַ טאַטן.
זייער לעבן, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט!
זענען צופרידן, מיט ברויט און טאָמאַטן,
זיי לעבן זער באַשיידן, פשוט, פראָסט!

די אומגליקליכע יתומים דארף מען פאַרזאָרגן,
וויניגסטנס, מיט ברויט צו דער זעט.
ווען זיי וואַכן אויף אין פריען מאָרגן,
באַקומען זיי קיין קוש, קיין מילך אין בעט.

די יתומים — ניט פון שטיינער געבוירן!
ס'קומט זיי אויך, ברויט מיט פוטער!
אַ טאַטן, זייער שפייזער האָבן זיי פאַרלוירן,
יונגערהייט, איז נעבעך געשטאָרבן זייער מוטער!

אַ יתומה, איז אויך אַ קינד פון אַ מאַמען,
געוועזן אויך געצערטלט, יעצט דאָס פעלט.
אירע בעקעלעך געוועזן געקושט, ביז פלאַמען.
און אַ מאַמע, זענען זיי געוואָרן פאַרגעלט.

יעדע מוטער! אונטערן געפאַר פון טויט!
אויך יעדן פאָטער דראָט דאָס זעלבע.
מאַמעס! שטיצט יתומים אין זייער נויט!
זייערע פענימער, זאָלן ניט זיין בלאַסע געלבע.

זאָלן אייערע קינדער, חלילה ניט ווערן:
קיין עלענדע, יונגע יתומים, אומגליקליכע!
מיט רחמנות־געפיל, זאָלט איר הערן.
טיילט זיך מיטן ביסן, מיט אומגליקליכע!

העלפט די יתומים, צו ווערן בעלי מלאָכות.
זיי קענען אויך ווערן, גוטע סטודענטן.
שטיצט מיט געלט — ניט מיט הבטחות!
און נעמט אויף העפליך די אינקאַסענטן.

תל אביב 1945

אַ שותפות קיך

ניט ווי אַמאָל – אין ארץ ישראל,
אַליין אַ קיך, מיט האָלץ־קוילן פייער.
אַ שותפות קיך, זער ענג און שמאָל,
אַ באַקוועמע דירה – זער, זער טייער!

ווייבער פיר, דרייען זיך אין איר טיר,
צוזאַמען זיך קוועטשן און דריקן,
חוה קאָכט קאַווע, שרה טרינקט ביר.
ביילע האַקט פיש, אסתר אַ הינדל פליקן.

שרה און אסתר לעבן זיך ווי שוועסטער.
חוה און ביילע, זיך קריגן, נו מילא:
דיין מאַן זאָגסטו איז דער בעסטער!?
שרייט מיט כעס, חוה צו ביילע.

מיך האָט ער געקושט: – ערשט נאַכטן,
שרייט ביילע, חוה! כ׳בין זער טשיקאווע,
כ׳האָב אָבער טאַקי געהאַט פאַרדאַכטן,
דו פאַלשע! געהאַלטן דיך פאר אַ בראווע...

אסתר זאָגט צו חוה׳ן, כ׳בין טשיקאַווע:
באַלד אין דער פרי טרינקט שרה ביר.
ס׳איז איר פאַרשווונדן געוואָרן איר קאַווע.
שוויגטס אַווילע! עמיץ קלאַפּט אין טיר.

ווייבער! וואָס מאַכט איר אַזאַ לאַרעם!
איר זענט דאָך ניט אין קיין האַרעם!
שרייט אַ מאַן פון אונטערן קראַן וואַסער.
דער קאָפּ ביי יענעם איז אַ נאַסער.

העי שרה! שלאָג אַלץ פאַר אַ כפרה!
גיב מיר אַ האַנטוך צום נאַסן קאָפּ!
זעטס, נאַר, זעטס נאַר, דעם שררה!
איך שטיי דאָך — ביי דעם טאָפּ!

שרהלע גיב מיר א ציבעלע, בעט אסתר,
נעם דיר דאָרט פון שענקל, גוטע שוועסטער.
שרהלע כ׳דאַרף אויך אַ ביסעלע שמאַלץ,
נעם דיר וואָס דו ווילסט נאַר — אַלץ!

ווען מיר פעלט, נעם איך ביי דיר,
פעלט מיר קאַווע — טרינק איך ביר,
ניט אמת? וואָס זאָגסטו ליבע אסתר!?
מיר לעבן זיך דאָך ווי שוועסטער.

וואָס זאָגסטו!? דו שטאָכסט מיך שרה!
כ׳דאַרף דיין ציבעלע אויף אַ כפרה!
דו ווייסט ניט, ווער עס איז אסתר!
ביסט אַ נאַר, מיט אַ גראָבן כאַראַקטער!

אָט אַזוי לעבט זיך היינט אין ארץ ישראל,
פיר פאמיליעס — איין קיך, איין וואַנע!
מוז נאַטירלעך זיין אונצופרידנהייט אַלע מאָל!
און כסדר, איינער דעם צווייטן אַ קאַנע!

על פי רוב — שונאים ביז בלוט!
מ׳רעדט ניט איינער צום אַנדערן.
אַ גהינום — פיל ערגער ווי ניט גוט!
יעדע באַזונדער, וויל גערן — ארויס וואַנדערן!

תל אביב 1946

אין א קיבוץ (קופלעט)

זענט איר אין ארץ, אַ מעפּיל אַ נייער!?
זוכט איר באַשעפטיגונג — עפּעס צו ווערן,
פּאָלגט מיך: ווייל אַ גרינער — נאָך אַ פרייער,
נאָר מיין עצה זאָלט איר הערן:
ווערט אַ חבר אין א קיבוץ!

אויב איר ווילט זיך גוט דערנערן,
און ניט דארפן זאָרגן אויפן מאָרגן,
פון די בעלי בתים — פטור ווערן,
עסן במנוחה — ניט ווערן דערוואָרגן:
דאַן גייט אַריין אין א קיבוץ!

ווילט איר ניט קענען קיין שפּיטאָלן,
ווילט איר קומען צו אַ ביסל כח!?
דאַרפט איר אַנטוויקלען אייערע מוסקולן!
באַנוצט זיך מיטן שכל פון מח!
און גייט אריין אין א קיבוץ!

זוכט ניט קיין מויד מיט אַ גרויסן נדן!
רייך צו ווערן — מאַכן אַ פאַבריקל!
ס׳פּאַלט אָפּט אַריין אזא יונגער מאַן,
און הענגט זיך אַמאָל, אויף אַ שטריקל!
אַזעלכעס, אונמעגליך אין אַ קיבוץ!

ווארום דען דעם קאָפּ זיך פארדרייען!?
האָבן כסדר, זאָרג און צרות!
אַ פאַרגעניגן צו אַקערן און זייען!
שלאָגט מיט אַלע געשעפטן כפרות!
און ווערט אַ חבר אין א קיבוץ!

זוכט איר אַ גוטן חבר אין לעבן!?
זיך צו פאַרבינדן הערצליך — ווי זעלטן!
קיין בעסערע פרוי קען ניט געבן!
זי וועט אייך ניט זידלען, שעלטן!
אַזעלכע — נאָר אין אַ קיבוץ!

האָט איר געזועלשאַפטליך לעבן ליב?
ווילט איר פון גייסטיגע שפייז געניסן?
ווילט איר זיין פריילעך, ניט טריב?
פון אַ געזונד און פריי לעבן וויסן!?
דאַן ווערט אַ חבר אין אַ קיבוץ!

דאָרט איז יום טוב, אין דער וואָכן!
נאָך די אַרבייט, טענץ מיט מוזיק!
און פריי, — מיטן פולן מויל לאַכן!
דאָרט געפינט מען אין לעבן גליק!
אַ גליקליך לעבן — אין אַ קיבוץ!

אַלע אַמוזירונגען, סינעמאַ און טעאַטער,
ווערט אויך דאָרט, זער אָפט געוויזן!
דאָרט איז יעדער אַ צופרידענער אַ זאַטער!
שוואַכע קינדער וואקסן דאָרט אויס ריזן!
שיקט אייערע קינדער אין א קיבוץ!

תל אביב 1945

פרנסה

(קופלעט)

פרנסה מוז דאָך האָבן יעדער איינער,
אַלע מענשן פון דער גאַנצער וועלט!
מענשן זוכן אין מיסט, שמוציגע ביינער:
אַבי צו פאַרדינען א ביסעלע געלט.
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן, צוליב פרנסה!

צוליב פרנסה! האַנדלט מען מיט סחורה,
מיט אַלערליי זאַכן אויפן מאַרק,
צוליב פרנסה! לערנען מענכע תורה:
און זענען גאָט-פאַרכטיג זער שטאַרק.
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

צוליב פרנסה! איז אַ ייד אַ שוחט:
און שעכט קעלבער און אָקסן.
אפילו א רב, און א רבי אויכעט,
צוליב פרנסה! טוען זיך מענשן באָקסן.
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

מען טוט גאַסן און קוימענס קערן!
און שמירן דעכער מיט סמאָלע.
מאַנכע ווערן אפילו מיסיאָנערן!
אַבי ניט צו בלייבן גאָלע! —
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

מאַנכע יידן — הייסע ציוניסטן:
פרעדיגן, פאַרן קרן היסוד.
אַנדערע זענען גאָר קאָמוניסטן;
פרנסה! ס׳איז ניט קיין סוד!
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

מאַנכע שרייבער — שרייבן ביכער,
בעלי מלאכות — אזוי ווי וועבער!
וועלכע וועבן, פאַרשידענע טיכער.
מאַנכע ווערן קברות גרעבער!
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

פיל זענען רעסטאָראַטאָרן און שענקערס,
אַנדערע טוען גוטע טאָרטן באַקן!
און מאַנכע זענען אפילו הענקערס!
זיי טוען מענשן די קעפּ אָפּהאַקן!
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

פיל מענשן שאַרפן זייערע מוחות:
אום נייע זאַכן צו דערפינדן,
אַנדערע — גיבן אַוועק זייערע כחות!
און מאַנכער, מאַכט זיך, פאַר אַ בלינדן.
אוי וויי געוואַלד פרנסה! פרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פרנסה!

אַ מאַן פֿאַרקויפֿט זיין אייגן ווייב,
ס׳איז אסור ניט קיין פֿלאָטקע!
אַ מיידל פֿאַרדינגט איר יונג לייב,
זי איז נעבעך אַ פּראָסטיטוטקע!
אוי וויי געוואַלד פּרנסה! פּרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פּרנסה!

פֿאַרהאַנען געמיינע מענשן מיליאָנען!
גנבים, באַנדיטן! פֿאַרברעכער אלערליי,
מענכע זענען מערדערס! שפּיאָנען!
און אַנדערע זענען — פּאָליציי!
אוי וויי געוואַלד פּרנסה! פּרנסה!
וואָס טוען ניט מענשן צוליב פּרנסה!

פּאריז 1937

אמתע, יידישע פרומקייט

(דעקל.)

ווי מ׳עפנט נאָר אויף די אויגן,
מוז מען באַלד די נעגל אָנגיסן,
און גלייך: מודה אני לפניך זאָגן.
מ׳טאָר ניט פריער קיין זאך געניסן.

מ׳מוז דאַווענען, צוזאַמען מיט אן עולם,
ניט פאַרפעלן חס ושלום, תפילין צו לייגן!
יעדן טאָג זאָגן א גאַנצן יום תהלים,
יעדע ארבייט, אלע געשעפטן פאַרבייגן.

פרי מאָרגן, פאַרן דאַווענען, מאַכן נקיות,
דאַן, אין דער מקוה אַריין גיין,
זיבן מאָל זיך טובל זיין, מיט שהיות,
מיט אַ פרעמדע פרוי, ניט זיין אַליין.

אַ פרשה חומש, אַ פרק משניות, אַ בלאַט גמרא,
דאַרף מען אויך יעדן טאָג לערנען,
און פונקט ווי געדינט די עבודה זרה;
אויב מען טוט זיך אַמאָל דערצערנען.

קיין אות פאַרהיפּערן, דאַווענען מיט גרויס כונה!
קיינמאָל ניט פאַרפעלן צו זאָגן דעם יום.
ווער עס שטרעקט אויס אַ האַנט, געבן אַ מתנה.
און מאַכן מאָה ברכות, בכל יום.

כפול שמונה ציצית, אַפילו אין טלית קטן,
לייגן צוויי פאָר תפילין: רש״י און רבנו תם,
אַלע ערב ראש חדש, אַ יום כפור קטן,
אין עסן, דאַרף מען ניט פילן קיין טעם.

זער ערליך וועגן, חלילה ניט פֿאַלש מעסטן,
פֿאַר יעדן מענש אַ שמייכל, ניט קיין געמאַכטן,
יעדע וואָך: מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, פֿאַסטן,
טעגליך, נאָך האַלבע נאַכט, חצות אָפּראַכטן.

יעדן חודש: די ווייבער אין מקוה אריין שיקן;
זיך צו כשרן, די האָר און נעגל אָפּשניידן,
אויף פֿרעמדע פֿרויען טאָר מען ניט בליקן,
פֿיל מאָל, פֿון אייגענעם ווייב זיך אָפּשיידן.

פּסח, טאָר מען ניט עסן וואָס מען וויל.
ראש השנה, ניט פֿאַר דעם שופֿר בלאָזן,
סוכות, טאָר מען ניט עסן וווּ מען וויל,
און קיינמאָל טאָר מען ניט עסן קיין האָזן.

קיין ראַקעס, קיין פֿערד, קיין קעמל,
קיין פֿיש אָן שופּן ענליך צו שלאַנגען,
ליל הושענא רבה, ניט געבן קיין דרעמל,
און קיינמאָל ניט הערן קיין פֿרויען געזאַנגען.

גלאַט כשר פֿלייש, זאַלצן אויף זעקס זייטן,
פֿליישיגס מיט מילכיגס חס ושלום ניט מישן,
דאָס קיך געשיר חלילה ניט פֿאַרבייטן,
מילכיג און פֿליישיג, יעדעס, באַזונדער טישן.

נאָך פֿליישיגס, טאָר מען קיין מילכיגס עסן.
ממוז לכל הפחות זעקס שעה וואַרטן.
אויב זיך געלאַנגווייליגט, ליידיג געזעסן,
דאָך, טאָר מען ניט שפּילן קיין קאָרטן.

אַ ייד, טאָר איבערהויפּט ניט ליידיק זיצן:
שטענדיק, עוסק זיין אין די הייליגע תורה,
מעג אפילו שטורמען, דינערן און בליצן,
פאַר גאָט, מוז מען שטענדיק האָבן מורא.

קיין שום מאָלצייט, אינגאַנצן ניט אויפעסן,
איבער לאָזן לכל הפחות אַ ביסל שיריים.
אָן אַ סיבה, – קיין שום מענש ניט האַסן!
קיינמאָל ניט פאַרגעסן די הייליגע ירושלים.

שבת, – טאָר מען קיין שום זאַך ניט טראָגן,
אויסער, אַ קינד, וואָס עס ליגט אין בויך.
שבת, בלויז דאַווענען, לערנען, תהלים זאָגן.
עסן טשאָלנט, חס ושלום קיין פרישע יויך.

ביי יעדן ביסן: דאַרף מען זאָגן לכבוד שבת,
לכבוד שבת, – אַ גוט שטיקל געפילטע פיש.
אַזוי זאָגן אין דער קיך – פרומע באַבעס,
און דער פרומער ייד, שבת ביים טיש.

ליכט צינדן, וואָס מער – וואַקסענע ליכט,
דער טיש, מיט אַ זויבער ווייס טישטוך געדעקט.
דערלאַנגען צום טיש, וואָס מער, אַ גוט געריכט,
די מלבושים, טאָרן קיינמאָל, זיין באַפלעקט.

לכבוד שבת מוזן זיי זיין עקסטרא ריין.
שבת טאָר ניט זיין קיין טרויער קיין קלאָג,
מען מאַכט דאַן קדוש איבער אַ כוס וויין.
פאַר קיין פאַל ניט, אין אַ פראָסטן טאָג.

שבת, טאָר מען ניט מאַכן קיין טריט אַ גרויסן,
נאָר בנעימות גיין מיט קליינע טריטלעך.
שבת, טאָר מען קיין שום זאַך ניט רייסן;
קיין בלומען, קיין פּאַפּיר, קיין שום ריטלעך.

שבת, פון הויז, זיך ניט ארויס רירן:
אַ חוץ צום דאַוונען, צו גיין אין קלויז.
אָבער ניט שפּאַצירן, — ווער שמיסט אַמוזירן!?
אפילו צום קלויז, ביז טויזנד איילן פון הויז.

נאָכן דאַוונען דאַרף מען באַזוכן אַ קראַנקן.
מ׳טאָר קיינמאָל קיין דברים בטלים ניט רעדן,
מ׳טאָר ניט האָבן קיין שום וואָכענדיגע געדאַנקן,
מ׳דאַרף נאָר רעדן דברי תורה, מיט יעדן.

לכבוד שבת, מאַכט מען עקסטרא גוטע שפּייזן:
אום די נשמה יתירה — אויך אָנצוזעטן,
שבת, מעג מען, אַביסל ליבע ארויס ווייזן,
זיך דערנענטערן, נאַטירליך — קושן און גלעטן.

ניט ווי עֶר און אונז, אהרן הכהן׳ס קינדער.
מ׳טאָר די זוימען, חס וחלילה, ניט פאַרדאַרבן.
דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן — און קיין ווינדער!
לעבעדיגע נפשות — אומצייטיגע זיי שטאַרבן!

געבורט קאָנטראָל איז זער אַ גרויסע זינד!
אַ פרומער ייד, האָט פאַר דעם זער מורא,
ס׳איז אַזאַ זינד, ווי טויטן אַ לעבעדיג קינד.
דאָס האָט שטרענג פאַרבאָטן, די הייליגע תורה.

ווייבער: ביז צו די אויגן אַ טיפע קופקע!
מענער: טאָרן אויף זייערע האָר ניט בליקן.
און ביז צו די קנאָכלעך — אַ לאַנגע יופּקע!
אַלערליי תּאוות — מוז מען דערשטיקן!

מ׳טאָר ניט באַזוכן קיין טעאַטער, קיין שום שוי,
קיין קינאָ, קיין צירק, און נאָך אַזעלכע זאַכן.
קיינמאָל טאָר מען ניט הערן זינגען אַ פרוי,
צייטן חורבן — מיטן פולן מויל ניט לאַכן.

מ׳טאָר דאָס ווייב ניט אָנרירן אין איר נידה,
ניט נעמען פון איר האַנט אַ שטיקל ברויט.
יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן, זאָגט מען וידוי:
מען טוט תשובה — איין טאָג פאַרן טויט.

מ׳טאָר ניט לעזן קיין ראָמאַנען — טרפה פסול־ביכער,
שטענדיק מוז שוועבן פאַר די אויגן די געטליכקייט.
אַזוי שטייט געשריבן אין די הייליגע ביכער,
אַ ייד, מוז שטענדיק עוסק זיין אין די הייליקייט.

די הליגע תורה האָט זער שטרענג פאַרבאָטן:
אַוועלכע הימלישע אָדער ערדישע בילדער צו מאַכן,
גאַנץ עגאַל: געמאָלענע, געגאָסענע, פון ליים געקנאָטן,
געשניצט, געקריצט, אָדער פאָטאָגראַפירט אַזעלכע זאַכן.

דאַרום: טאָר מען זיך ניט לאָזן פאָטאָגראַפירן,
ווען אפילו בילדלעך — צוליב אַ פאַספּאָרט!
ניט אַכטן וואָס מ׳קען דערפאַר אַרעסטירן,
מעג מען זיי שיקן אפילו צום טשאָרט!

פונקט ווי זיך זעלבסט — ליב האָבן יענעם,
יענעמס פאַרמעגן, ווי אייגנס, מוז ווערן געשווינט,
מ׳דאַרף טוען גוטס, ניט צוליב מורא פאַרן גיהנום.
און ניט: אום אויף יענער וועלט צו ווערן באַלוינט.

צדקה דאַרף מען געבן, אָן שום קאָנטראָלע!
יעדן, ווער עס שטרעקט נאָר אַ האַנד אויס.
אַ סענט — דאַרף ניט שפּילן ביי קיינעם אַ ראָלע,
אַך און וויי — צו יענעם, וועלכער טרייבט אַרויס!

אויב מ׳באַליידיגט עמיצן, באַגייט מען אַ זינד.
אַפּוואָשן דאָס — קען מען ניט, מיט גאָט בעטן;
אפילו יום כיפור, ניט ריינוואַשן דיזע זינד.
מ׳מוז דעם יעניגן פּערזענליך איבערבעטן!

יעדעס צוגעזאָגטע וואָרט, מוז מען מקיים זיין!
יעדעס צוגעזאָגטע וואָרט, איז אַ הייליגער נדר!
אַזוי ווי מ׳קען קיינמאָל — ניט זיכער זיין,
דאַרום מוז מען שטענדיג זאָגן, בלי נדר.

אייביג, מוז מען יעדן, פאַר אַ גערעכטן האַלטן,
ניט שלעכט אורטיילן — ניט זיין אַ בעל קנאה.
צוליב הכנסת אורחים — די מאָלצייטן שפּאַלטן.
און פאַר די אויגן, — האָבן תמיד, די שכינה.

געלט באָרגן יענעם, דאַרף מען מיט לייכטע הענט,
אויף תורה, ועבודה, וגמילת חסדים שטייט די וועלט,
אַ ייד, טאָר מען ניט בייסן — ניט נעמען קיין פּראָצענט!
פאַר עטליכע פונט — אָדער אַ סך געלט.

אויב אין אַ קראָם, אַלטע פֿאַרלעגענע סחורה,
צו קיינעם טאָר מען דאָס ניט פֿאַרקויפֿן,
פֿאַר גאָט מוז מען שטענדיג האָבן מורא,
פֿאַר אים — בשום אופֿן, ניט אַנטלויפֿן.

פֿאַרדינען, מער פֿון פּופּצן פּראָצענט, הייסט גענאַרט,
מ׳טאָר ניט שווערן ביי גאָט, אפילו ווען ס׳איז וואָר!
יידן און גויים, באַהאַנדלען אויף אַ פיינעם אַרט.
מ׳טאָר קיינעם ניט גענאַרן, ניט אויף אַ האָר!

אין אַ יידישע גאַס — אויב אַ מציאה געפֿינען,
איר ווערט איז קליין, אָדער זער גרויס,
ניט באַהאַלטן דאָס, דערמיט ניט אַנטרינען,
מ׳מוז די מציאה עפֿנטליך רופֿן אויס.

די תורה האָט פֿאַרבאָטן צו זאָגן אַ ליגן.
די זעלבע עברה, ווי עסן ניט כשר:
אָדער, ווי יענעם, אין פּנים געשפּיגן.
די תורה, הייסט אונז גיין אין דרך הישר.

קיין לשון הרע, קיין נבול פּה, ניט רעדן,
קיין רכילות, קיין פּלאָטקעס ניט מאַכן,
נוהג כבוד זיין יעדן, אַבסאָלוט יעדן!
קיין לצנות, קיין חוזק, פֿון קיינעם ניט מאַכן!

אויף פֿירן זיך לויט דעם דאָזיגן שיר:
אָט אָ דאָס — הייסט אַ פֿרומער ייד!
פֿאַר חסידים צבוע׳קעס — פֿאַרשטייען מיר:
איז דאָס אַ דעקלאַמאַציע — אָדער אַ ליד.

תל אביב 1941

באַלפור דעקלעראַציע

דאָקטער ווייצמאַן, האָט ענדליך אויסגעפּועלט
מיט מי און מאַטערניש די באַלפור דעקלעראַציע,
ניט געוואָלט נעמען — דעם מיליאָן פונט!
פאַר זיין כעמישע קריגס אָפּעראַציע.

וועלכע האָט ענגלאַנד גערעטעט פיין,
אין די וועלט מלחמה, מיט די דייטשן,
זי האָט דערפאַר צוגעוואָרפן אַ ביין!
היינט — טוט זי דאָס אויסטייטשן.

ס'איז פון איר געוואָרן, אַש און פאַרך!
קיין „נאַציאָנאַלע היים", אַ גהינום, אַ העל!
מ'העצט די אַראַבער שטיל אָן שאָרך,

מ'מאַכט פון אונזער „היים" אַ וויסטן תל!
כלומר, געגעבן אַ „היים" אָן אַ שליסל!
זי לאָזט אַריין — אויף אַ רפואה אַ ביסל!

ירושלים אלול תרפ"ט 1929

ארץ ישראל מאַנדאַט

דאָס קלוגע פאָלק, דאָס עם הספר,
געוועלט ענגלאַנד אַלס מאַנדאַטאָר.
בלינד געטרויעט — קיין באַגרייפער!
דער גרעסטער עקספּלואַטאַטאָר!...

דאָקטער הערצל, פּאָליטישער פּראָפעט!
דאָך — אויך אַ טעות געמאַכט!
צוטייל און הערש, איר ספּעציאַליטעט!...
געלייגט האָפנונג — אויף איר מאַכט!

ווען הערצל — פון קבר דערוואַכט.
וואָלט ער גלייך צוריק געשטאָרבן!
זעענדיג, וואָס פון די „היים" געמאַכט.

דאָס אויפבליענדע לאַנד — פאַרדאָרבן!
יידן! — עפנט אייערע אויגן!
קיין שום מאַנדאַט, קען ניט טויגן!

ירושלים תשרי תר"צ 1929

מידה כנגד מידה

אונזער מאָראַלישע הייליגע תורה,
זאָגט: הבא להרגך השכם להרגו,
טויט אים פריער, אָן מורא!
מכל שכן, אַ ווילדן מערדער אַ גוי!

עין תחת עין, שן תחת שן,
ווען אַראַבער פאַלן אויף דיר אָן:
צעהאַק זייערע קעפּ, ברעך זיי אַ ביין!
אָבער, דו פאַנג מיט זיי ניט אָן!

מ׳דאַרף דאָס אפילו ניט זאָגן.
מיר טשעפּן קיינעם ניט קיינמאָל!
מ׳קען אָבער אויך ניט פאַרטראָגן!...

ס׳מוז דאָך נעמען אַ סוף אַ מאָל!
גיט צוריק! — מידה כנגד מידה,
ניט זיך באַהאַלטן און זאָגן וידוי.

תל אביב 1936

פ ר ד ס י ם

זער פיל פרדסים אין ארץ ישראל,
מיט פירות וואָס יעדער האָט ליב,
אַבסאָלוט אַלערליי, אָן שיעור און צאָל.
זיי דערקוויקן אַ האַרץ וואָס איז טריב.

תפוזים, אשכוליות, ענבים, און מאַנדלען,
פייגן, מישמיש, עפּל, באַרנס, פלוימען,
מיט אַלע לענדער טוען מיר האַנדלען,
בסוד — וועל איך אייך איינרוימען.

אין א סך פרדסים, ארבייטן אַראַבער!...
באַנאַנעס, אַפּריקאָסן, לימענעס, מילגרוימען:
שושקען זיי אין די אויערן, זייערע ווייבער.

ביינאַכט, וועלן מיר, כמעט אַלעס, אָפּרוימען.
אָן אַראַבער — איז אָפּט דער וועכטער.
ער איז אַ גוטער — אבסאָלוט קיין שלעכטער!

תל אביב 1935

לעבודת הבורא

לעבודת הבורא, קומו יהודים!
יידן, שטייט אויף צו עבודת הבורא!
אַזוי רופן און שרייען די קורדים,
עס כאַפּט אָן אַ ציטער אַ מורא.

תימנער, פּערסיאַנער און בוכאַרער,
זיי לאָזן ניט שלאָפן אוי אַ קלאָג!
עס וועקט אַן אַלטיטשקער אַ דאַרער,
קלאַפּט אין לעדן פיר פאַרטאָג!

און רופט, מיט אַ מוראדיק קול,
סעדיה! זכריה! יהודה! שמואל!
נעמט אויף זיך גאָטס עול.

קומו! קומו כבר! בני ישראל!
אזוי וועקן זיי טעגליך און רופן,
און לאָזן די מידע — ניט שלאָפן.

ירושלים 1923

צו שפּעט

אַ גאַנץ אומשולדיק וואָרט — צו שפּעט.
פאַרשפּעטיגט בלויז מיט איין מינוט!
אַ בלינדער — געקענט זאָגן ער זעט.
יענער — ניט אויסגעגאַנגען, פון בלוט.

מיר ליידן זער! פון דעם צו שפּעט.
יחיד ווי דער כלל — גאַנץ עגאַל,
ניט יעדער, — אָפּט פאָראויס, זעט.
יידן — פארשפּעטיגן אָפּט, איבעראל.

צו שפּעט, האָבן מיר זיך ארום געקוקט:
אַז אַן אייגן לאַנד אונז פעלט.
ביז, געוואָרן צו שרעקליך געפּלאָגט!

אונזערע פנימער, שוין פארגרינט, פארגעלט.
זאָל ניט ווערן צו שפּעט! — אַ מאָל,
פּאַקט אייערע פעקלעך, נאָך ארץ ישראל!

לאָנדאָן 1922

לאַכן

פאַר יעדן איז געזונד צו לאַכן!
אַזוי האָט אויך געהאַלטן שלום עליכם,
לײדער, ניט פאַרהאַן — אַזעלכע זאַכן:
פון װעלכע צו לאַכן, לא עליכם.

זאָלן מיר לאַכן, פון די מלחמה?
אָדער, פון די בלוטיגע היטלעריסטן?
מיליאָנען מענשן — פארלירן די נשמה!
קען מען זיין אַזעלכע עגאָאיסטן!?

זאָלן מיר לאַכן פון די אַראַבער?
װעלכע װערן פון איבעראל געהעצט,
אָדער פון אונזערע קינדער און װײבער?

ביי װעלכע, דאָס האַרץ שיעור פלעצט!
װייל — מ׳ברענגט אום מיליאָנען יידן!
מיר אלע! — אין געפאַר — קיין פרידן!

תל אביב 1942

ברוינע העמדלעך

די ברוינע העמדלעך, ווען כ׳זע מאַרשירן:
אין ארץ — מיט די ציוניסטישע פאָן,
זע איך מיליאָנען יידן קראַפּירן,
אָ שרעק! אַ ציטער! כאַפּט מיך אָן.

דאָס האַרץ דריקט, שמערצט פון צער,
אין ארץ ישראל — יידישע פאשיסטן!?
די דאָזיגע, א בושה! און אַ געפאר!...
טוען נאָכאַמען, די היטלעריסטן.

העמדלעך, — אויב ניט ווייס בלוי.
וועט זיין פיל ליבער — רויט,
ס׳איז ניט בלויז געזאָגט אַזוי,

די ברוינע — מאַכן מיליאָנען טויט!
ווען כ׳זע העמדלעך די ברוינע,
זע איך: — אונזער דם שונא.

תל אביב 1943

ביים שפת הים

איבער הונדערט טויזנד מן הסתם,
ביים שפת הים. — זיך גרופירן,
ניט אַלע, באָדן זיך אין ים,
אַ טייל, — זוכט זיך, צו אַמוזירן.

אין ענגשאַפט — מוז מען זיך שטופן;
צווישן פרויען פייער און פלאַם!
געשמינקטע — מיט בלוט רויטע ליפן,
זיי זוכן עפעס — ביים שפת הים.

מיליטער לייט — פון פארשידענע לענדער,
דעם שפת הים, זיי פאַרפלייצן!
היציגע פראַנצויזן, און קאַלטע ענגלענדער,

יידישע קאָקעטקעס — טוען אויך רייצן.
פון יעדע מלחמה — אַ זכר לחורבן,
אויך תל־אביבער מיידלעך פאַרדאָרבן!

תל־אביב 1944

דער נייער דור

דער יונגער דור, דער נייער,
ביי יעדן פֿאָלק, זיין צוקונפֿט,
פֿאַר זיין פֿאָלק – אין פֿייער!
אויב – נאַציאָנאַלע פֿאַרנונפֿט.

דער נייער דור, מוז פֿאָרטזעצן!
דעם פֿאָדים, ווייטער שפּינען, ציען,
נייע אוצרות – וועלן דאַן שפּראָצן!
ס'פֿאָלק וועט וואַקסן און בליען!

אַ פֿאָלק, פֿאַרלירט, מער פֿון אַ סך!
אויב זיין דור דער נייער:
קען ניט זיין פֿאָלקס שפּראַך...

זער שווער צו בלייבן אַ געטרייער:
אַן איבערגעגעבענער נאַציאָנאַלער ייד:
ניט קענענדיג יידישע געשיכטע, יידיש ליד.

לאָנדאָן 1922

אַ קינד

פאַרנעבלט איז יעדן קינדס געשטאַלט,
אַ סוד — וואָס דערפון וועט ווערן,
ביז עס ווערט צוועלף יאָר אַלט,
קען עס נאָך — אַלעס ווערן.

אַ קינד מוז מען לערנען און צוימען,
נאַטירליך — ווילדקייט אים אימפאָנירט,
אַפילו דער שטאם — פשוטע זוימען:
דאָך, קען עס ווערן גוט ראפינירט.

פון נאַטור — פרימיטיוו און ווילד,
גוטע זיטן — קען מען איינפלאַנצן,
אַלעס, קען מען לערנען, אַפילו מאָלן אַ בילד!

קען ווערן געבילדעט, פאָלקאָם אינגאַנצן.
די צוקונפט — פאַרשלייערט, פאַרהוילן,
מיט גוטן — קען מען — אַלעס פועלן.

תל אביב 1945

סאברעס

געפערליך, — ווי טויזנט נאָדלען זיי שטאַכן!
דאָך — קיין שלעכט מאַכל זיי מאַכן,
ספּעציאַליסטן צו דעם, זענען פעלאַכן.
צוימען צו פעלדער, דערמיט זיי מאַכן.

ארץ־ישראלדיגע קינדער, סאַברעס זענען,
אזוי רופט זיי דאָ א יעדער.
אויפן פייער ווען זיי ניט ברענען:
זיי נעמען אין ווינטער קאַלטע בעדער.

טו בשבט — פלאַנצן, אפילו קליינע קינדערלעך!
זיי פאַראַדירן — קילאָמעטערס צו פיס!
זיי אַנטוויקלען זיך אין ארץ, וואונדערליך!

זער שיין, און געזונט — צוקער זיס!
די דאָזיגע סאַברעס, וואַקסן העלדישע ריזן!
זיי — ווען ס'פאָלק באַפרייען, אויסלייזן!

תל אביב 1946

אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק

פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.
אינטערנאַציאָנאַלע לאָזונג סאָציאַליסטישע.
בעלטימאָרער רעזאָלוציע — פון די דאָזיגע ווייט.
אויך די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן — יידישע,

ציוניסטישן אידעאַל פּראַקטיש דורכצופירן:
מוז זיין, אין האַרמאָניע מיט אַראַבער!
מיר טאָרן און קענען ניט — זיך איזאָלירן!
פונקט, ווי ניט — פון אונזערע ווייבער.

מירן, פיל בעסער! — רעאַליזירן אונזער חלום,
אַ גרויסע רעפּובליק! — אין עבר הירדן אויך.
געמיינזאַם מיט אַראַבער, ברידערליך, בשלום!

ניט בלויז מיט פיזישן — אויך מיט גייסטיגן כח!
ארץ ישראל, מוז ווערן, אַ רעפּובליק דעמאָקראַטישע!
פאַר קיין פאַל ניט, קיין פאַשיסטישע!

תל אביב 1946

שדים מזיקים

בריווּ־קעסטלעך, זיי פאַרדאַרבן, נעמען, — מעקן!
אַט גלאַט אַזוי — אַזאַ מין ספּאָרט!
פרוכטן פון יענעמס בוימער, מיט אַ שטעקן,
יונגע צווייַ פּיסיגע שדים, אַזאַ סאָרט.

זיי פליקן קנאָספּן, — אומצייַטיגע בלומען,
אומצייַטיגע פרוכטן — פון יענעמס גאָרטן!
אָן דערלויבעניש, צו פרעמדע זיי קומען,
קיין גנבים — שדים מזיקים אַזעלכע סאָרטן.

צוליב עטליכע אומצייַטיגע זויערע פלוימען,
אָדער עטליכע אומצייַטיגע גרינע מאַראַנצן,
צוברעכן זיי טייערע בלעטער, אייַזענע צוימען!

און פאַרניכטן שיינע, יונגע פלאַנצן.
אַזעלכעס, אין ערגעץ געזען — קיין מאָל!
ווועלכעס מען זעט, אין ארץ־ישראל!

תל אביב 1946

עטיק און עסטעטיק

ניט בלויז סעמינאַרישע בילדונג, פּעדאַגאָגישע!
דאַרפן באַזיצן, לערערס פון שולן,
זער נויטיג, אויך עטישע און עסטעטישע!
און זיכער אויך — צייכנען און מאָלן.

עטיק, אַ לעבנס־נויטווענדיקייט זער אַ גרויסע!
אָן דעם דאָזיגן, ווילד, אומדערצויגן!
ניט יחידי סגולה — די ברייטע מאַסע!
אָן עטיק — וואָס קען בילדונג טויגן!?

עסטעטיק, ביי יעדע זאַך, זער שיין!
פאַר זיך — און פאַר די וועלט.
אָן עטיק, זענען מענשן גראָב, געמיין!

זיי אינטערעסירט קיין זאַך, אויסער געלט,
לערערס, לערנט די קינדער אין ארץ ישראל!
עטיק און עסטעטיק — יעדע וואָך איין מאָל!

תל אביב 1946

אין ארץ ישראל

מיט פופציק יאָר צוריק, זער ריכטיג געווען!
אין חוץ לארץ, צו אַראַנזשירן די קאָנגרעסן,
אַן אָנפאַנג דאַן, די יידן פראַגע צו לעזן,
יידן אין ארץ — כמעט נאָך ניט געזעסן.

תל־אביב, האָט נאָך ניט עקזיסטירט,
עמק יזרעאל, אפילו ניט אין חלום!
מיר, זענען נאָך ניט געווען אָרגאַניזירט,
אויף דער וועלט — שלוה ושלום.

אַ חוץ מיר יידן — פון פּאָגראָמען געליטן,
דאָקטער הערצל, אין באַזעל, דאַן פאַרקערן,
שוין צייט — אויך מיר, זענען פאָרטגעשריטן!
האָט ער גענומען, די וועלט אויפקלערן.

נאָך ניט געחלומט פון קיין האָקן־קרייץ,
און זיכער ניט פון אַ בלוטיגן היטלער!
אונזערע קאָנגרעסן, אין די ליבעראַלע שווייץ,
ווייל זיך גענויטיגט אין פּאָליטישע פאַרמיטלער.

אָבער היינט — איבעראל שוין גוט באַקאַנט!
די יידן-פראַגע — רעאַליזירט ווערן אין לעבן!
אַ פאַקט וועגן קאָנגרעס, זער אינטערעסאַנט,
זאָל פאָרקומען אין ירושלים — הערצלס שטרעבן.

עס איז אויך געווען, אוסישקינס שטרעבן,
פיל טויזנטער פונטן – צו פרעמדע געבן!?
ס׳גאַנצע פאָלק – וויל גערן דערלעבן!
מ׳זאָל דאָס – אין ארץ ישראל אויסגעבן!

פאַרהאַן, זער שיינע סאַלאָנען, גענוג גרויסע!
ס׳וועלן קומען אַהער! – פאָרשטייער פון פרעסע.
ציוניסטישע פירער, מאַכט שוין דאָך אַמאָל!
דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אין ארץ ישראל!

תל אביב 1946

אנטיפאשיסטישע לידער

פאעמען, קופלעטען, סאנעטען, דעקלאמאציעס א״א״וו

פון

דוב אַבנֵר

פאַרוואָרט

ליבע לעזערס, איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן וועגן געוויסע לידער און דעקלאַמאַציעס פון דיזן בוך, וועלכע קענען אייך מעגליך שיינען צו זיין שוין ניט אַקטועל — ווי צום ביישפּיל די דעקלאַמאַציע צו פּוילנס רעגירער. עס ווערן דאָרט דערמאָנט נעמען פון פּוילישע מיניסטאָרן, וועלכע זיי מיט זייער רעגירונג עקזיסטירן שוין ניט מער! — אָבער דאָס איז ניט וויכטיג! ווייל ס'איז קיין גרויסער אָדער גאָר ניט קיין אונטערשיד צווישן רידז שמיגלי, קאָלאָנעל בעק און שיקאָרסקי, סאָסענקאָווסקי אָדער אַרצישעווסקי און מיקאָלייטשיק! אויך קיין שום אַנדערע פּוילישע רעגירונג וואָס פאַר א קלינגענדע נעמען פון סאָציאַליסטישע פירער זיי זאָלן האָבן, וועלן זיי אַלץ ניט טויגן! איבערהויפּט פאַר די יידן — אויסער אַ סאָוויעטישע, אָדער אונטער סאָוועטיש־רוסישן איינפלוס און קאָנטראָל, ווייל די גרויסע מערהייט פון פּוילישן פאָלק איז אָנגעשטעקט מיט די פּעסט פון שרעקליכע בלינדע שנאה צום ייד! גאָר ניט ווייניגער פון די בלוטיגע דייטשן! עס ס'איז גאָרניט קיין בלינדער צופאַל וואָס היטלער האָט אויסגעקליבן פּוילן פאַר זיין גיגאַנטישן שחיטה פּלאַץ, מיט קרעמאַטאָריומס און גאַז קאַמערן, און ריזיגע פרייע שייטער־הויפנס ווו מ'האָט דאָרט אומגעברענגט זעקס מיליאָנען אומשולדיגע יידן! און דאָס פּוילישע פאָלק האָט דערויף גאָרניט רעאגירט, ניט אפילו פּרובירט צו שטערן דעם פאָרטשריט פון די טויטן־באַנען אָדער וועלכן אַנדערן סאַבאָטאַזש צו מאַכן. אין געגנטייל: ניט נאָר האָבן זיי ניט געפּרוווט צו שטערן די היטלעריסטן — נאָר זיי האָבן נאָך אַליין מיט פריידן צוגעהאָלפן פאַרשנעלערן די אויסראָטונגס אַקציע פון אונזער אומגליקליכן פאָלק! און דעריבער איז מיין פאָעמע דעקלאַמאַציע: „צו פּוילנס רעגירער” נאָך גאַנץ אַקטועל און וועט נאָך בלייבן אַקטועל אַזוי לאַנג ווי פאַשיזם וועט עקזיסטירן. (אין יאָר 1937 ווען איך האָב דיזע פאָעמע געשריבן אין פּאַריז, האָב איך די פאָליאַקן נביאות געזאָגט: אַז זיי וועלן האָבן א שוואַרצן סוף!...) און די זעלבע זאַך איז מיט די אַנדערע לידער און דעקלאַמאַציעס, וועלכע שיינען אין פלוג, שוין ניט צו זיין גאַנץ אַקטועל! דער פאַשיזם איז נאָך ניט טויט! היטלער און בורמאַן; אפשר זענען זיי שוין טויט?... אָבער דער געפערליכער

היטלעריזם לעבט נאָך און ער איז זייער טעטיג. און ניט בלויז אין דייטשלאַנד און פוילן, נאָר אויך אין ענגלאַנד און אפילו אין דעם דעמאָקראַטישן אַמעריקא אויך.

יעצט, א וויכטיגע באמערקונג וועגן מיין קופלעט „היטלער" פון דיזן בוך, וועלכער איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1933, באלד נאָך זיין קומען צו דער מאכט. אין דעם דאָזיגן קופלעט איז פאַראַן אַ סטראָף: ער שעמט זיך מיט דעם יידישן אָפּשטאם! — אין יענע צייט האָט מען געגלויבט און מיט רעכט — אז ער שטאמט פון יידן. דער באקאנטער קאָראָספּאָנדענט זויערוויין דער געוועזענער מיטארבעטער פון דער גרעסטער פאריזער אָוונד־צייטונג „פּאַרי־סואַר" איז דאַן ספּעציעל געפאָרן נאָך צענטראל איירָאפּא, אום אויסצופאָרשן היטלערס אָפּשטאמונג און ער איז געקומען צום אויספיר: אז אַן שום צווייפל שטאמט טאקע היטלער פון יידן! ער האָט פעסטגעשטעלט דורך אָפיציעלע דאָקומענטן, אז היטלערס פאָטער איז געווען א געשמדטער ייד, און ער איז געווען אַן עסטרייכישער באַן אָנגעשטעלטער אויף א קליינע סטאציע נעבן ווין. און היטלערס זיידע, דער פאָטער פון דעם משומד נעבן ווין, איז געווען זייער א פרומער ייד מיט באָרד און פאות און א שטריימל, ער האָט געהייסן אברהם היטלער. דער זויערוויין האָט געשיקט פאָטאָגראַפיעס פון היטלערס פאָטער אלס באַן אָנגעשעלטן, וועלכע זענען פובליקירט געוואָרן אין די „פּאַרי־סואַר". היטלערס זיידע איז געשטאָרבן אין רומעניע, און ס'איז אויך פובליקירט געוואָרן די בילדער פון זיידן און פון די גאנצע משפחה. אפילו די מצבה מיט די העברעאישע אותיות פון אויבן — דער נאָמען אברהם היטלער, און פון אונטן — לאַטייניש ליטערן אַדאָלף היטלער. די דאָזיגע אַלע בילדער געפינען זיך נאָך היינט אין מיין באזיץ, פון די אויסשניטן פון „פּאַרי־סואַר". היטלערס זיידע איז געשטאָרבן איידער היטלער איז געבוירן געוואָרן און דער משומד האָט אים א נאָמען געגעבן נאָך זיין פאָטער אַדאָלף היטלער! אין פאריז האָב איך גערעדט מיט א יידישן שטובן מאלער פון ווין וועלכער אָט אין ווין געארבייט צוזאמען מיט אַדאָלף היטלער, דעם היינטיגן דייטשן פירער ביי א יידישן מאלער־מייסטער, און ער האָט באַשטעטיגט זויערוויינס באַהויפּטונג אַז היטלער שטאמט טאקי פון יידן. ער האָט היטלערס פאָטער געקענט פערזענליך אלס אַ געשמדטן יידן און א באַן אנגעשטעלטער נעבן ווין. דער דאָזיגער יידישער מאַלער האָט אויך געזאָגט זיין אייגענע מיינונג וועגן היטלערס שנאה צו יידן. נעמליך: ווייל יידישע מייסטערס האָבן אים שטאַרק עקספּלואַטירט, און איינער האָט אים אינגאנצן ניט געוואָלט באַצאָלן זיינע צוויי וואָכן לוין פון שווערע ארבייט. ער האָט בכלל פאַרקערט אין יידישע הייזער אין ווין און אָפט געהאט צוזאמנשטויסן מיט גאליציאנישע שווערע יידישע טיפּן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אים באַצאָלן זיין

לוין לויט ווי באדינגען זיך. און די שנאה איז ביי אים געוואקסן צו די יידן בכלל אויפן שרעקליכסטן אופן.

איך האָב געלעזן באריכטן פון קאָראַספּאָנדענטן, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו האָבן אַן אינטערוויו מיט היטלערן, ווען ער איז שוין געווען דער פירער. האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט געלאַסן צו די זאַך נאָר געשריגן און געריטשעט, געקלאַפּט אין טיש אריין מיט זיינע פויסטן מיט כעס! און אַ מאָל האָט איינער אַן אמעריקאַנער זשורנאַליסט, זייער פאַרזיכטיג, געפּרובירט צו באַרירן די פראַגע וועגן זיין אָפּשטאַם... דאַן איז ער גאָר ווילד געוואָרן. געלאָפן הין און צוריק איבערן צימער און געמאַכט געוואַלדן, ווי וואַגט מען עפּעס אים צו צושרייבן א יידישן אָפּשטאַם?! — און עס פרעגט זיך טאַקי ווי אזוי איז דאָס גאָר מעגליך?! אז א מענטש ווען ער זאָל האָבן נאָר בלויז עטליכע טראָפּן פון יידיש בלוט פליסן אין זיינע אָדערן, זאָל קענען זיין אזא שרעקליכער דם שונא דעם גאַנצן כלל ישראל! און ער זאָל קענען זיין אזא מין אויסערגעוויינליך סאַדיסטישער מאַסן מערדער!? וועלכעס די וועלט האָט נאָך ניט געזען אזעלכעס! ענדלעך האָט זיך טאַקע ארויס־געוויזן אז דער דאָזיגער גרעסטער סאַדיסטישער מאַסן מערדער אַדאָלף היטלער איז א ווילדער ממזר פון א דייטשן סאַדיסטישן גוי אַן אונטערוועלט מענטש, מיטן נאָמען שיקלגרעבער. דער דאָזיגער סוד איז געוואָרן ענטפּלעקט פון אַדאָלף היט־לערס מוטער אליין. נאָך דעם טויט פון היטלערס זאָגענאַנטן פאָטער דער באַן אנגעשטעלטער, האָט זיין מוטער וועלכע זי אליין איז געווען א הונדערט פּראָ־צענטיגע גויה, דערציילט די וועלט דעם אמת. אום דערמיט ריינצוואַשן איר תכשיט, נעמליך אז היטלער איז טאַקי דערצויגן געוואָרן ביי א געוועזענעם ייד אין הויז, אָבער אין דער אמתן איז ער גאָר ניט געווען זיין פאָטער. זיי האָבן בלויז ביידע געמיינט אז זיי זענען פאָטער און זון. נאָך יענעם אינטערוויו מיט היטלערן וועגן זיין אָפּשטאַם, האָט ער באַלד ארויסגעגעבן א באַפעל צו באַזייטיגן אלע יידישע מיטגלידער פון די נאַצי פּאַרטיי. ס׳מיינט אלע וועלכע שטאַמען פון יידן, אפילו ביזן דריטן און פערטן דור, אום צו איבערצייגן דער וועלט ווי וויט ער איז פון יידישן אָפּשטאַם. אָבער ביז דאַן זענען געווען מיטגלידער אין די נאַצי פּאַרטיי אפילו ניט געשמדטע יידן אויך.

נאָך אין יאָר 1933 ווען איך האָב אין פאַריז געשריבן דעם קופּלעט „היטלער” איז מיר דאַן אַדורך אַ ציטער איבערן גאַנצן קערפּער, ווייל מיין האַרץ האָט אינסטינקטיוו פאַרגעפילט און דער מח האָט מיר קלאָר און דייטליך אָנגעזאָגט די שרעקליכע געשעענישן און אומגליקן וואָס עס דערוואַרטעט אונז פון אים און אויך די וועלט בכלל ... אין יאָר 1937 האָב איך געשריבן דאָס ליד „א ווילדער

סריס״ ניט מעלדנדיק זיין נאָמען — פונדעסטוועגן האָט דער „פּאַריזער הײַנט״ מורא געהאַט דאָס צו פאַרעפנטליכן, אַזוי גוט ווי דעם קופּלעט „היטלער״. ענדליך האָבן מיר דערלעבט זיין שווארצן סוף! און מיר האָבן שוין די מעגליכקייט פריי צו פּובליקירן אַנטי פאַשיסטישע און אַנטי נאַצי לידער און דעקלעמאַציעס! און טראָץ מיר זענען היינט ליידער זער טרויעריג און דערשלאָגן, פאַריתומט פון בעסטן טייל פון יידישן פאָלק, וועלכן די ווילדע היטלער האָרדעס און אַנדערע רוצחישע באַנדעס האָבן אַזוי שרקליך סאַדיסטיש אומגעברענגט! מוזן מיר, די „שארית הפליטה״ ווייטער לעבן, און צו להכעיס אונזערע שונאים דוקא זיך פיל מערן און שטאַרקן, פיזיש און גייסטיג. און אַז מיר מוזן לעבן, קענען מיר ניט כסדר טרויערן און מיר מוזן זיך טרייסטן אַז ס׳וועלן מוזן קומען בעסערע צייטן פאַרן כלל ישראל און פאַר די וועלט בכלל. זאָלן מיר זיך אויך טרייסטן מיטן בנין הארץ און מקיים זיין דעם אם אשכחך ירושלים!... און דעם גאָלדענעם יידישן פאָדים ווייטער שפּינען און וועבן! — מיר קענען זיך אויך אַביסל טרייסטן מיט אונזערע שונאים׳ס מפּלה און אין די ראַמען פון אונזערע מעגליכקייטן — אויך צו נעמען נקמה!... ווייניגסטנס צו שטעלן זיי צום אייביגן שאַנדסלופּ פאַר די וועלט!... און צו מאַכן אויף זיי זער א שאַרפן און הונדערט פּראָצענטיגן חרם אויף עטליכע דורות! און פיל שטרענגער ווי דער חרם אויף שפּאַניע אַמאָל! וויל דער פאַרברעכן געגן די יידן פון די היינטיגע דייטשלאַנד, איז אָן א שיעור פיל פאַך ערגער פון שפּאַנישן גלות און איר אינקוויזיציע! וואָס געווען אַמאָל. און אָט אָ צוליב די דאָזיגע טעמים מאַך איך די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו באַזייטיגן אַלע הינדערנישן פון מיין וועג, צום פּובליקירן די דאָזיגע ביכער, אום צו טרייסטן אונזער זער אומגליקליך פאָלק און גלייכצייטיק צו וועקן און רופן צום קאַמף געגן נאַציזם און פאַשיזם, וועלכע זענען ליידער נאָך ניט טויט! אין געגנטייל זיי לעבן נאָך און פאַרשפּרייטן ווייטער זייער ווילדן יידן־האַס און פאַרגיפטן מיט די דאָזיגע פּעסט די גאַנצע וועלט!!!

מיט אַכטונג דער מחבר

דוב אבנר

תל־אביב 1946.

אויס אייפּערזוכט

זיי האַסן אונז די אומות העולם
ווייל מיר זענען כלומרשט שפּעקולאַנטן,
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט אונזערע מוזיקאַנטן.
זעען שטענדיג די שלעכטע זייטן,
ווייל זיי זוכן — דאָס צו זען,
זיי ווילן ניט מודה זיין! —
אויס אייפערזוכט קען אַלץ געשען!

צוליב רייכע סוחרים, עטליכע גרופּן
און בלויז אַ הייפל שפּעקולאַנטן,
דאָס גאַנצע פאָלק זיי האַסן,
אפילו א יידישן געזאַנדטן! —
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט די האָרעפּאַשנע מאַסע.
זיי ווילן ניט מודה זיין! —
האַסן אויס אייפערזוכט! אונזער ראַסע.

צוליב עטליכע וואַלוטע הענדלער
און דריטהאַלבן מיליאָנערן,
זענען מיר אַלע שווינדלער
טוען אונזער לעבן פאַרמערן,
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט, מיר האָרעווען שווער,
זיי ווילן ניט מודה זיין!
אויס אייפערזוכט! זעען ניט מער.

צוליב אַ הייפעלע וווכערניקעס
און עטליכע קעשענע גנבים,
שטאַכן זיי אונז מיט פּיקעס,
בילן אויף אונז ווי כלבים,
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט — מיליאָנען ערליך!
זיי ווילן ניט מודה זיין!
אויס אייפערזוכט געפערליך!

אייניגע אַלפאָנסן — פּראָסטיטוטקעס,
בלויז עטליכע שמוציגע יידן,
זענען מיר אַלע ביי זיי שמוציג!
לאָזן אונז ניט אין פרידן,
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט אונזערע ריינע טעכטער,
זיי ווילן ניט מודה זיין! —
אויס אייפערזוכט — ס׳געלעכטער.

צוליב אַ קליינע צאָל פאַנאַטיקער
עטליכע אונוויסנדע אידיאָטן,
אפילו דיזע ווערן שוין צייטיקער,
און דאָך טוען זיי שפּאָטן!
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט אונזערע געבילדעטע קינדער,
זיי ווילן ניט מודה זיין!
אויס אייפערזוכט — נאָך בלינדער.

אויך פאַרהאַן אַ גנב פון פערד
און עטליכע שווינדלער אויסוואורפן!
זיי זוכן פון אונטער ד׳ערד!
אום אונז פאַר צו וואַרפן,

דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט אונזערע פיינע קינדער,
זיי ווילן ניט מודה זיין!
אויס אייפערזוכט! — קיין ווינדער.

פארהאַן אין פיל לענדער
יידישע רעגירער — מיניסטאָרן,
איבעראַל — די רעדל פירער,
דאַרום זענען זיי אין צאָרן,
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט די גרויסע נוצן! —
זיי ווילן ניט מודה זיין!
אויס אייפערזוכט! — זיי העצן.

זיי גלויבן און רעדן איין:
יעדער ייד — איז אַ גביר,
זיי זענען שכור פון וויין,
מיר — אפילו ניט פון ביר!
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט אונזערע אָרימע לייט,
זיי ווילן ניט מודה זיין!
אויס אייפערזוכט, פון אמת ווייט!

איז דען ניט נאַטירליך!? אַלעס צוזאַמען:
אין א וואַלד פון מיליאָנען בוימער!
צו געפינען אַ צאָל פאַרדאָרבענע שטאַמען,
מיר זענען ניט ערגער פון רוימער! —
דער האַס מאַכט זיי בלינד!
זעען ניט אונזער אויסנאַם פאָזיציע!
זיי ווילן ניט מודה זיין! —
אויס אייפערזוכט, — די פעאיגסטע נאַציע!

לאָנדאָן 1922

היטלר

עס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט!
אַ הויכשטאַפּלער, אַ מאַניאַק, עפּעס אַ היטלער!
עס כאַפּט אָן אַ ציטער, היץ און קעלט!
פון דעם שיינעם אַדאָלף היטלער!

קענט איר דעם דריטן־רייכס־פירער!?
אַן עסטרייכישער לומפּיגער שטובן מאַלער!
ער! איז געוואָרן דייטשלאַנדס רעגירער!
דער שיינער אַדאָלף היטלער!

דאָס איז ער, דער העלדישער דייטש,
דער רוצח, סאַדיסטישער ספּאָרטלער!
גרינדער פון דעם האַקן קרייץ!
דער שיינער אַדאָלף היטלער

אַ צורר היהודים דער גרעסטער!
אַ ווינער קלאָשאַר, אַ גאַסן בעטלער!
אַ וואַנדאַל, אַ כוליגאַן דער ערגסטער!
דער שיינער אַדאָלף היטלער!

זיין מאַלעריי געטויגט אויף כפרות!
האָט ער געלעקט ביי יידן די טעלער!
ער איז געווען אויף גרויסע צרות!
דער שיינער אַדאָלף היטלער!

אַט דער לומפּיגער שטובן מאַלער!
אַרויפגעדראַפּעט זיך אויפן לייטער!
און — געוואָרן דייטשלאַנדס קאַנצלער!
דער שײנער אַדאָלף היטלער!

דער מאָדערנער דזשינגיס כאַן! —
אַ מיזאַנטראָפּ — אַן אַלטער קאַוואַלער!
אַ ראַסן־האַסער — אַ ווילדער כוליגאַן!
דער שײנער אַדאָלף היטלער!

ווי דעם טויט! האַסט ער יידן!
שוין פאַרגעסן געלעקט זייערע טעלער!
אַ בלוט־דורשטיגער! האָט פּײנט פרידן!
דער שײנער אַדאָלף היטלער!

ער שעמט זיך מיטן יידישן אָפּשטאַם!
דער באַנדיט, גזלן און מערדער!
מיר — שעמען זיך מיט אים!
מיטן שײנעם אַדאָלף היטלער!

עס דראָעט די וועלט שוין ווידער!
פון דעם היצל, דעם פאַרפירער!
אַ נייע וועלט שחיטה! — נידער!
מיט דעם שײנעם אַדאָלף היטלער!

קיין געוויסן — קיין שום מאָראַל!
ווי קומט עס צו אַ שטעלער!?
אפילו קיין מענשליך געפיל!
דער שײנער אַדאָלף היטלער!

דיזע בלוט דורשטיגעווילדע חיה!
אַ געפערליכער מכשף, שוואַרץ־געלער!
אַ בלוט־באָד! גרייט ער צו אַ נייע!
דער שיינער אַדאָלף היטלער!

די גאָרילאַ אין מענשן געשטאַלט!
אַ פרויען פיינד — דער האָמאָסעקסועלער!
ווען האָבן המנס מפלה — באַלד!
דער שיינער אַדאָלף היטלער!

עס וועט קעמפן פרוי — ווי מאַן!
אפילו געגנער פון מיליטער!
געגן אזא זער געפערליכן טיראַן!
ווי דער שיינער אַדאָלף היטלער!

מיר'ן נאָך לאַכן פון די חבריה!
מיט דעם געוועזענעם שטובן מאַלער!
מ'וועט זיי באַגראָבן — אָן אַ לויה!
מיט דעם שיינעם אַדאָלף היטלער!

להכעיס די נאַציס וועט זיין אַ ייד!
אויף היטלערס אָרט דער קאַנצלער!
פון דעם שיינעם אַדאָלף היטלער!
און מיר'ן זינגען אַ קופלעט אַ ליד!

פאריז 1933

א ווילדער סרים

אַן עסטרייכישער סרים, דאָרט פאַרהאַן,
אַ שוואַרצער הונט — אויף צוויי פיס!
ריטשעט ווי אַ משוגענער מאן
און מיינט ער רעדט זיס.

זינלאָזע דאָגמען — מאָס רייד אַכצן,
פלוישט אָן שכל — אָן שום יושר!
ליידער — מיליאָנען מענשן קראַכצן!
ער — געוואָרן רייך — אַן עושר!

אַ ווילדער סריס — אַלטער קאַוואַליר,
אַזוי וועט ער שוין שטאַרבן!
אַ פראָסטער זעלנער — געוואָרן אָפיציר,
אַ וועלט טוט ער פאַרדאַרבן!

ער שיט פעך און שוועבל
אויף מאַרקסיסטן און יידן,
מלחמה: פארגעטערט דער פעלדוועבל!
ער האָט שרעקליך פיינד פרידן!

אַן אייפערזיכטיגער הונט אַ ווילדער!
די קנאה — טוט אים פרעסן שטאַכן:
ווייל, — ניט האָבן קיין קינדער,
וויל ער אַנדערע פאַר סריסים מאַכן.

אַ ראַק אין האַלז — טובערקולאָז,
אַ האַלבע וועלט — איינשלינגען!
די וועלט איז יעצט — מאַכטלאָז.
מיר, ווען האָבן — צו זאָגן, צו זינגען.

ראַסיזם פרעדיגט ער אַ ווילדן,
ער האָט אויך פיינט — פרויען
קיין יידן קען ער ניט דולדן! —
קיינעם — וויל ער ניט טרויען.

אַ באַנדיט — טרויעט ניט קיינעם!
ביים שוואַרצן הונט אויף צוויי פיס:
ערגער ווי — אין דאַנטעס גהינום.
עס האַלט שוין זייער מיאוס!

ער טאַנצט אַ ווילדן שדים טאַנץ!
אַזוי טאַנצן — ביז צו זיין גסיסה!
ס׳בליט — ס׳וואַקסט, — זיין גיפטיגע פלאַנץ!
דערגרייכן — זיינע צילן, די מיאוסע!

פאריז 1937

אַ נײַער יום טוב

אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער יום טוב אַ גרויסער,
אַ פֿרייער, אַ שיינער, אַ פֿריילעכער, אַ זיסער,
איז פּורים פֿון אַלטע צײַטן געווען.
צוליב דעם וואָס עס איז אַמאָל געשען.

המן האָט געוואָלט די ייִדן אומברענגען
האָט מען אים אַליין געטרען אויפֿהענגען.
האָבן מיר געמאַכט אַ פּורים מיט געזאַנגען
הײַנט — קיין המן — גיפֿטיקע שלאַנגען!

זיי פֿאַרסאַמען פֿאַרפֿעסטן די גאַנצע וועלט!
מ׳באַקומט פֿיבער — היץ און קעלט.
וואָס גיפֿטיקע שלאַנגען — האָבן פֿאַרטראַכט,
שטעט און לענדער שוין חרוב געמאַכט,

די ייִדן — רואינירט — און פֿאַראַכטעט.
פֿיל אומשולדיקע מענטשן אויס געשלאַכטעט,
דער וואָלף — אײַנגעשלונגען דעם שעפּס.
אַ ווילדער, — געגעבן אַ ריטשע, אַ גרעפּס,

ווען פּוילן — האָט דאָס דערבליקט:
עסטרײַך, — אין איין טאָג דערשטיקט.
נאָך קאָוונע געשיקט אַן אולטימאַטום,
ביז אַכט און פֿערציק שעה אַ דאַטום.

אין יאָר נײַנצן הונדערט אַכט און דרײַסיק,
אַרבײַטן ווילדע, נײַע המנס, זער פֿלײַסיק!
זיי ווײַזן אונז וואָס זיי קענען:
ייִדישע ביכער אויפֿן שײַטער הויפֿן ברענען.

המן, איז אַ הונט קעגן די וועלף געוועזן,
ער האָט ניט געמאַכט פון זיך אַזאַ וועזן.
מיר זענען געוועזן פארצווייפלט, פאַרטרויערט,
געקומען זיין מפּלה, — ניט לאַנג געדויערט.

מיר וועלן אויך דיזע — זיכער איבערקומען.
דאַן וועט אונז אַ נייער יום טוב צו קומען.
מיר וועלן פריילך זינגען, טאַנצן, נאַשן,
עסן מוסאָליני־פּודינג און היטלער־טאַשן.

פייערן, וועלן — ניט בלויז מיר יידן
נאָר אַלע וועלכע ליבן פרידן.
נאָך זייערע גרויסע, ביטערע מפּלות!
וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט פון גלות.

יידן מיט מאַרקסיסטן, — זיך געבן די האַנד,
זיי — וועלן אונז אומקערן אונזער לאַנד!
ערשט דאַן וועט די וועלט לעבן בשלום,
און ס׳וועט מקוים ווערן ישעיה׳ס חלום...

פּאריז 1938

שפאַניע

אַ בירגער קריג אין דיין לאַנד,
פון אייגענע ברידער באָמבאַרדירט,
דיין בעכער — פול, ביזן ראנד!
ווערסט אַבסאָלוט רואינירט.

ווערסט נעבעך חרוב פאַרוויסט,
דיינע שטעט ווערן פאַרניכטעט,
און בלוט — ווי וואַסער פליסט!
דיינע קינדער ווערן געפליכטעט.

און אפשר? — ניט בחינם!?
אויף דיר די היינטיגע צרות,
פאַר דעם אַמאָליגן גהינום:
די אַוטאָ דע פע גזרות.

ווער געדענקט ניט איזאַבעלאַ!?
די הערשערין פון די אינקוויזיציע.
היינט: — שניידט אלעדער קאַבאַלערא
פירער פון די רעוואָלוציע!

פון אירע אייניקלעך, די פאַשיסטן!
און פון טאָרקוועמאַדאַס יעזואיטן.
עס שלאָגן: — סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן,
אייניקלעך פון מאַראַנען — אין מיטן.

זיי נעמען נקמה, אומדירעקט!
טוען קלויסטערס פאַרניכטן.
שפּאַניע, האָט אַמאָל זיך באַפלעקט:
יידן — האָבן געמוזט פליכטן.

טראָץ דעם — קיין נקמה!
האָבן יידן: גאָר פאַרקערט!
געבן זייער לעבן און נשמה!
שלאָגן זיך אויף דיין ערד.

פאַרגעבן פון אַמאָל — היינט:
פאַרברידערט, דורכן סאָציאַליזם!
געמיינזאַם, באַקעמפן דעם פיינט
פון פרייהייט; — דעם פאַשיזם!

עס קומען פון איבעראל יידן!
צו דיר — אַלס פרייוויליגע סאָלדאַטן.
קעמפן פאַר פרייהייט און פרידן,
מיט ביקסן — געגן האַרמאַטן!

אַזוי קעמפן, יידישע יינגלעך דאַרע! —
פאַר פרייהייט און פרידן איבעראל.
מאַכט פאַר זיי — אַ וואַרע!
העלדן — פון פרייהייטס אידעאַל!

פאריז 1938

דורך יידן...

אַ ייד, — האָט גערעטעט היטלערס לעבן!
אין ערשטן גרויסן וועלט שלאַכט.
איז ווין: יידן, — אים פרנסה געגעבן!
אין בערלין: יידן — אים גרויס געמאַכט!

יידישע מיליאָנערן האָבן אים געשטיצט,
אַנטוויקלט — זיין ווילדן האַקן־קרייץ־סאָציאַליזם!...
מיטן ליד: ווען יידיש בלוט פון מעסער שפריצט!...
אַלס צוליב מורא — פאר דעם קאָמוניזם!

אין דייטשלאַנד קיינער פראָטעסטירט!...
קיין איין רעגירונג פון דער וועלט!
האָט היטלערן, אפילו ניט קריטיקירט!
וואָס מ׳רויבט אזוי יידיש געלט.

מ׳לאָזט יידישע קינדער ניט שטודירן,
מ׳לאָזט זיי ניט פאַרדינען אויף ברויט.
אין קאָנצענטראַציע לאַגערן זיי קראַפּירן,
מ׳פּאַרפּייניגט זיי ממש צום טויט!

די וועלט שווייגט — ווי גאָרניט געשען!
צום שטוינען — ניט צו גלויבן!
קיין איין רעגירונג — ניט געזען!
ביז — מ׳האָט מיט זיי אנגעהויבן.

אונזערע ליידן — ניט געקימערט, יידישע!...
דאַן האָט דער גורל, גענומען נקמה!
געפאַלן, דורך די זעלבע הענט באַרבאַרישע!
פיל לענדער: מיליאָנען פאַרלוירן די נשמה!

אפילו דאַן — ניט רעאגירט שנעל
אַלע צוזאַמען, פאראייניגט פעסט:
אום ניט צו ווערן איינציגווייז — אַ תל
געמיינזאַם — באַקעמפן די שרעקליכע פעסט!...

יידן און קאָמוניסטן, — בלויז דיזע צוויי:
די שרעקליכסטע — געפערליכסטע פיינדע!
צוליב זיי — ריזיג געוואקסן זיין פארטיי!
פלוצלינג: קאָמוניסטן — געוואָרן זיינע פריינדע.

דורך יידן — איז ער געוואָרן אַזוי גרויס!
דורך יידן — די וועלט שחיטה, אויסגעבראָכן!
דורך יידן — וועט ער ווערן אויס!
דורך יידן — דער נאַציזם ווערן געבראָכן!

תל־אביב 1940

צו פוילנס רעגירער

הערט אויס, פוילישע שטאָלצע רעגירער!
איר זענט נאַרישע שלעכטע פירער!
רידז שמיגלי, פולקאָווניק קאָץ, קאָלאָנעל בעק,
מיר האָבן אויף אייך קלאַגעס גאַנצע פעק.

מיט אייער פאַשיסטישער פירערשאַפט
האָט איר ס׳גאַנצע פאָלק פאַרשקלאַפט!
איר מיט אייערע קליינע העלפער
פאַראָרימט פויערן אין די דערפער!

פיל יידישע סוחרים מוזן אָנזעצן,
ביי מענכע טוט דאָס האַרץ פּלעצן!
דערזעענדיג בעאַמטע פון שטייערן
וועלכע טוען אויף זיי לויערן.

אָרימע קרעמערס ווערן אָפּגעשונדן!
סאָציאַליסטן — אין קייטן געבונדן!
פאַגראָמשטשיקעס, טוען יידן שטאַכן,
און נאָכהער — זיי שפּאָטן, לאַכן.

אויף יידן — אלערליי בלבולים,
שימפן, מיט געמיינסטע זלזולים,
אומשולדיגע, אין טורמעס זיי שמאַכטן,
אַלס פרעמדע טוט איר זיי באַטראַכטן.

איר ווילט זיי פון זיך פאַרטרייבן,
ניט לאָזן אין פוילן פארבלייבן.

איר זוכט פאַר זיי טעריטאָריעס,
און טיילט זיי אין קאַטעגאָריעס.
איר ווילט זיי זאָלן עמיגרירן,
נאָר זייער פאַרמעגן ניט אַרויספירן.

איר שטעלט זיך פאָר — גלאָריעס!
אין אײַערע נאַרישע פאַנטאַזיעס:
דריי מיליאָן יידן! — פון גדיניע,
וועלן פאָרן נאך מאַדעגאַסקאַר, אַביסיניע.

ווען יידן, — וועלן דערביי האַלטן,
וועט איר האָבן אַ קאָפּ אַ קאַלטן!
ווען ס׳וועט אונז גלוסטן — אַמאָל,
וועלן מיר פאָרן נאָך ארץ־ישראל!

אָבער איר, טאָרט אונז ניט טרייבן!
מיר מעגן אין פוילן — אייביק בלייבן!
ווייל פוילן, איז שוין לאַנג יידיש!
אַזוי גוט, ווי זי איז פויליש.

מיט די שפראך, און מיט יעדע זאַך,
ס׳איז שוין אן אלטע שותפות־זאַך.
מיר קענען דאָס אייך באַווייזן:
פון היסטאָרישע אויטאָריטעטע קרייזן.

מיר זענען פאַרוואָרצלט אין לאַנד,
מיר לעבן און שאַפן זאַלבענאַנד,
פון צענדליגער דורות אַהער!
איבער טויזנד יאָר, שוין מער!

מיר האָבן צוזאַמען געלעבט בשלום,
און פּלוצלינג: — ווי אַ בייזער חלום!
אויפגעשטאַנען זענען, ווילדע לצים!
די „שלאַכטע" — כראַביעס און פּריצים.

פאַרפעסטן — מיט גיפטיקן האַס!...
שלאָגן יידן אין מיטן גאַס.
טוען זיי גרויזאַם בויקאָטירן.
לאָזן די יוגנד ניט שטודירן.

איינגעפירט מיטל־אַלטערליכע געטאָ־בענק!
באַקומען אַזאַ מאַניע — אַ מין קרענק.
קיין שום טאָלעראַנץ, קיין טוגענד.
העצן — די שטודירנדע יוגנד.

אייער אַדאַם מיצקעוויץ איר פאַרשעמט!
עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ וואָלט געוואָרן געלעמט!
אַ האַרץ־שלאַג, וואָלט באַקומען קופּערניק!
איר מאַכט פון פּוילן — אַ שמיעטניק!

ווען אָרזשעשקאָוואַ, מיצקעוויץ, לעבן יעצט:
וואָלט זייער האַרץ — זיכער געפּלעצט!
צוקוקנדיג דאָס שענדליכע פירונג!
פון די באַנייטע פּוילישע רעגירונג.

אוי, פּוילן, פּוילן, — דו שטאָלצע מדינה!
וועסט מוזן צוריק אַראָפּ, פון די בינע!
ווייל איר זענט נאַריש און שלעכט!
איר האַלט זיך נאָך פאַר גערעכט!

איר פאַרפאַלגט שרעקליך די יידן!
איר זענט מיט זיי ניט צופרידן.
איר מאַכט אומדערטרעגליך זייער לעבן,
טראַץ: — אַלעס, אייך אַוועק געבען!

אזוי געטריי, אונטערטעניג, פראַשע פאַניע!
זיך מקריב געווען — אין אייער פאָוסטאַניע!
געשלאָגן זיך אין אייערע מלחמות,
געברענגט זער פיל קרבנות!

און איר — רויבט צו זייער שטיקל ברויט!
אַן רחמנות, שינדט איר די הויט!
איר מאַכט זיי ליידן נויט!
און פאַרפייניגט זיי צום טויט!

איר האָט ס׳פאָלק צוטיילט צוריסן!
זער פיל זעלבסטמאָרדן, אויף אייער געוויסן!
אוי פוילן, געדענק, וועסט טייער באַצאָלן!
פאַר אונזערע עולות, דיך צו מאָלען!

אַזאַ רעגירונג, טויג, אויף כפרות!
ס׳וועט קומען אויף איר, גרויסע צרות:
פאַר די יידישע פיין און ליידן,
און פרייהייט דערשטיקן, — פאַר ביידן.

געשיכטליך, איז דאָס קיין נייהייט.
אַ לאַנד, וואָס בויט איר פרייהייט,
אויף יידישע חורבות און בלוט!
אַזאַ לאַנד, מוז גיין קאַפוט!

נעמט זיך אַ ראיה פון שפּאַניע,
זי האָט אויך געהאַט אַזאַ מאַניע,
אויך זי האָט די יידן געפּייניגט,
היינט; — ווערט זי גערייניגט.

די יעזואיטן פון מאַדריד ארויס געטריבן.
פון איר אינקוויזיציע, קיין זכר געבליבן.
זי איז שוין פון לאַנג פארניכטעט,
און יידן, לעבן: — טראָץ געפליכטעט.

אַ רעגירונג וועלכע מאַכט אונטערשידן,
צווישן אירע בירגער, קריסטן, — יידן,
באַהאַנדלט ניט אלע בירגער עגאַל;
קענען יענע, — ניט בלייבן לאַיאַל!

זיי וועלן האָבן אויף אייך אַ בייטש:
ווען דער רוס אָדער דער דייטש,
וועלן אייך באַפאַלן; אייערע שכנים,
הילף: דאַן נויטיג פון יעדן איינעם!

אויך פון די יידישע שטיף־קינדער,
דאַן, זאָל אייך ניט זיין קיין ווינדער,
אויב מיר, וועלן אייך פאַרראַטן
פאַר אייערע גרויזאַמע טאַטן!

איר פייניגט אונז גייסטיג, און מיט נויט!
מוזן מיר — זיך רעטן פון טויט!
איר טרעט אונז מיט אייער פוס
וועלן מיר זיך איבערגעבן דעם רוס.

צו שלעכט — טוט איר אונז באַהאַנדלען!
און דאַדורך, אין שונאים פאַרוואַנדלען.
און ס׳וועט לאַנג — ניט געדויערן
ווי איר וועט דאָס באַדויערן.

איר ווילט די יידן ניט האָבן?
וועט איר זיך אַליין באַגראָבן!
העי! פולקאָווניק קאָץ, דו פאַשיסטישער כלאָפּ!
שלאָג זיך ארויס פון דיין נאַרישן קאָפּ!

די יידן פון פוילן ארויס צו טרייבן,
דאָס וועט זיך אייך ניט איינגעבן!
אויב איר ווילט לעבן באמת צופרידן?
בעט איבער, און גלייכבאַרעכטיגט די יידן!

פאַרגיטיגט זיי, מיט שאָדן־ערזאַץ!
אין די רעגירונג, — אַ בכבודן פלאַץ!
איר קענט עס מאַכן איינס און צוויי:
פופצן פראָצענט אין די פאָליציי.

מיר פאָדערן עפנטליך, ניט אין געהיים,
אויך פופצן פראָצענט אין פוילישן סיים.
צוועלף סענאַטאָרן און דריי מיניסטאָרן,
און פראָפאָרציאָנעל, אוניווערזיטעט־פראָפעסאָרן.

מיט רעכט, — מעגן מיר אַמאָל אויך וועלן:
אַלס פרעזידענט, אַ יידישן קאַנדידאַט, שטעלן.
אויב פאַרווירקליכן דעם דאָזיגן חלום,
וועלן מיר צוזאַמען לעבן גליקליך בשלום!

פאריז 1937

רוסלאַנד און דייטשלאַנד

פיל דורות, געוועזן אַ לאַנד פון באַרבאַרן,
ס'האָבן רעגירט הערשערס: — ווי דזשינגיס כאַן.
דינאַסטיעס, ווי די ראָמאַנוואָס טיראַנישע צאַרן,
ערגערע זענען דאַן — ניט געווען פאַרהאַן.

פאָלקס פרייהייט געווען באַשרענקט דורך די צאַרן
די יידן: — באַגרעניצט אין זייער ווין רעכט.
פרייהייט, דערשטיקט, מיט נאַגייקעס פון הוזאַרן.
ס'אָרימע פאָלק, געוועזן אונטערטעניגע קנעכט!

צאַר ניקאָליי, אַ געטליכן ראַספּוטין פאַרמאָגט.
אים — פאַר זיין נאָז, ארום געפירט,
די יידן — פאַרן אידיאָטישן צאַר פאַרקלאָגט,
און פאָגראָמען זענען געוואָרן אָרגאַניזירט.

שטשעגלאָוויטאָוו—וויפער און פּראַנייטיס אָנגעשטעלט,
אונטערוועלט-מענשן, באַקומען סומעס געלט.
דעם באַקאַנטן בייליס־פּראָצעס אויפגעשטעלט:
וועלכער האָט אויפגעברויזט די גאַנצע וועלט!

דייטשלאַנד האָט דאַן, געגן דעם פּראָטעסטירט,
די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט געוואָרן אַלאַרמירט.
פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס אָרגאַניזירט:
ס'אָרימע רוסישע פאָלק — געוואָרן פאַרפירט!

דייטשלאַנד האָט דאַן — געשפּאָט, געלאַכט!
די רוסן — פאַר קיין מענשן באַטראַכט!
אָבער די רוסן — האָבן געפּלאַנט, געטראַכט,
און — אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע געמאַכט!

אויס שטשעגלאָוויטאָוו, וויפּער, ראַספּוטין!
אויס צאַר־באַטושקאַ – מיט זיין פאַמיליע!
רעפּובליק פּרעזידענט, געוואָרן קאַלינין!
לענין און סטאַלין, איינגעפּירט אַן אידיליע!

פאַר יידן, אַלע באַגרענעצונגען אָפּגעשאַפט!
די אינדוסטריע, און אלע אוצרות, סאָציאַליזירט!
איינגעפלאַנצט אין פאָלק ברידערליכע חברשאַפט,
יונג און אַלט, פריי – און ציוויליזירט!

דער סאָציאַליזם, צו אַנטוויקלען זיך אָנגעהויבן,
אַ וווּנדערבאַרער דניעפּראָ סטרוי, געשאַפן,
געוואָרן אומבאַקאַנט – שווינדלען און רויבן,
אַלערליי אַרטיקלען, פּראָדוצירט, אויך מאַשינען, וואָפן.

ניט זייענדיג אויסן, אַנדערע אָנצוגרייפן:
נאָר בלויז זיך זעלבסט – צו פאַרהיטן.
אָט האָט דייטשלאַנד, איר געווער גענומען שלייפן,
אויפן רוסישן סאָציאַליזם, שטאַרק צובליטן.

יענע דייטשלאַנד, נאָך ווילהעלם קייזער,
שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדן געוואָרן!
היינט, אַ שוואַרצער הונט אַ ווילדער אַ בייזער!
אויף יידן און קאָמוניסטן – זיין צאָרן.

דער היצעל האָט באַקומען האַליצינאַציע!
האָט ער געמאַכט אַ שוואַרצע רעוואָלוציע!
צו די מאַכט – דורך הינדענבורגס פּראָטעקציע
און הערשט גרויזאַם איבער אַזאַ נאַציע!

ס׳גאַנצע פאָלק, ווי אַ מאַשין — רעגולירט.
קיין פרייהייט, — אַלעס שטרענג קאָנטראָלירט!
יעדער פאַרדעכטיגט, — פון געסטאַפּאָ נאָכגעשפּירט
יעדע באַוועגונג — פון דעם היצל דיקטירט!

ווען די שוואַרצע רעוואָלוציע זיך גוט איינגעגעבן:
די יידן, דעם שונא נומער איינס — באַזיגט,
גענומען זיך אויסצוברייטערן דאָס דייטשע לעבן.
מיט אַלע שכנישע פעלקער — זיך צו קריגט.

מיט אַ ווילדן אולטימאַטום, — אפילו אָן אַ שאָס:
עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע איינגעשלונגען.
אָן אַ פאַר ווען און אָן אַ פאַר וואָס!? —
זענען זיי אויך אין פוילן אַריין געשפּרונגען.

וואָס האָבן זיי געטוען די ערשטע מינוט?
טויזנטער עראָפּלאַנען מיט באָמבעס גערעגנט,
געפלאָסן, טייכן, פויליש מיט יידיש בלוט!
פיל יידן, פון גאַס פאַרשלעפּט, אומגעזעגנט.

אויף צוואַנגס־ארבייט אַוועקגעשיקט זיי,
טויזנטער מיידלעך פאַרגוואַלטיגט פון סאָלדאַטן!
אַ חורבן פון פוילישן יידנטום איינס און צוויי!
אַלטע און שוואַכע — מיט מאַשין־האַרמאַטן!

דער ווילדער הונט, וויל באַהערשן די וועלט!
אַפילו אַמעריקאַ וויל ער אויך פאַרכאַפּן!
טראַץ מיליאָנען לעבנס — פיל מיליאַרדן געלט!
אָבער צו ערשט, מוז ער — רוסלאַנד צוקלאַפּן.

אַ בײַן אין האַלז – דער רוסישער קאָמוניזם!
איר באַפּעלקערונג – צוויי הונדערט מיליאָנען!
עס ציטערן: – דער נאַציזם און פאַשיזם!
און ניט ווייניגער – אויך אַנדערע נאַציאָנען!

כמעט אַן אַ פּרעטענציע – איר באַפאַלן!
געבראָכן דעם אָפּמאַך – דעם פאַקט!
פיל טויזנטער קאַנאָנען, גענומען קנאַלן!
אַ חורבן פון רוסלאַנד, – געוואָרן אַ פאַקט!

גרויסע מאַסן אָן אַ היים – אָן אַ דאַך.
זער פיל פאַמיליעס טראַגיש צוריסן!
אַנטרונענע – געבליבן אָן שום זאַך!
אויפן וועג, – אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן!

געבליבן זענען – די גרויסע מאַסן:
הילפלאָזע יידן – ניט געקענט אַנטלויפן,
נאַציס: זיי אויסגעקוילעט אין די גאַסן!
ניט געקענט, דאָס לעבן זיך אָפּקויפן.

שרעקליך! שרעקליך גרויזאַמע אומדערהערטע זאַכן!
געצוווּנגען אַ פאָטער: לעבעדיג, זיין זון באַגראָבן!
ס׳פּנים ווערט פאַרגליווערט: ניט מער לאַכן.
דייטשן – זאָלן קיין מענטשליך־געפיל ניט האָבן!

צו איז ווירקליך ניטאָ מער קיין דייטשן,
כאַראַקטערפולע, איידעלע, אינטעליגענטע?...
דאַן זענען זיי ווערט, פייערדיגע בייטשן!
זאָלן זיי ווערן טויטע, פאַרברענטע!

אַ הערן־פֿאָלק — ווילט זיך זיי ווערן!
די וועלט באַהערשן, — יידן פֿאַרטיליגן!
זייער ווונש, וועט ניט דערפֿילט ווערן,
די וועלט, — וועט דאָס ניט באַווויליגן!

בלוטיגע נאַציס! — הערט וואָס קאַלינין לויטעט:
איר וועט רוסלאַנד קיינמאָל ניט באַזיגן!
ניט אַרויסטרייבן: — אויפֿן אָרט ווערן געטויטעט.
אמת! — זיי פֿאַלן טאַקי ווי די פֿליגן!

די פֿעאָדאַלע רוסלאַנד — געוואָרן זער אַ פֿרייע!
און זי, — די גאַנצע וועלט באַפֿרייען!
וועט שאַפֿן, אַ בעסערע וועלט, אַ נייע!
נאַציס — וועט מען הענגען און באַשפּייען!

סאַדיסטן, — יענעמס ליידן האָבן אייך געווילט!
זאָלט איר וויסן — אָ, איר וועט שוין וויסן!
אייער דייטשלאַנד — וועט ווערן צוטיילט!
צושפּליטערט: אויף קליינע שטיקלעך צוריסן!

תל אביב 1942

אין נאָמען פֿון קולטור

אונזער אומגליקליכע יידישע ראַסע!
ביי אַלע פֿעלקער פֿאַרהאַסט,
איבערהויפּט איר אָרימע מאַסע
איבעראַל, זענען מיר — אַ לאַסט.

טראָץ מיר ברענגען גרויסע נוצן!
איבעראַל — אין אַלע לענדער.
דאָך, טוען זיי אויף אונז העצן.
אפילו דער — איידעלער ענגלענדער.

פעלקער מיט הויכע — קולטור:
טוען אונז שרעקליך פאַרפאָלגן!
זיי קענען ניט אונזער ליטעראַטור,
דאַרום, — זיי לאַכן, און שלאָגן.

אַמאָל — זענען מיר געוועזן: —
ס׳אויסדערוויילטע פון אַלע פעלקער.
היינט, איז דאָס יידישע וועזן:
ס׳מינדערווערטיגע פון אלע פעלקער.

וואַרום האָסן אונז אלע בירגער
פון דער וועלט? — די גרעסטע!
זענען מירווירקליך ערגער?
פוןווילדע פעלקער געמיינסטע!

אָדער אפשר — גאָר פאַרקערט?
מ׳טראָגט אויף אונז אַ שנאה,
אונזער לעבן ווערט פאַרמערט
בלויז — צוליב קנאה!

לערנט געשיכטע און ווייסט:
אלט קולטור־פאָלק מיר זענען!
מען מעג זאָגן גאנץ דרייסט,
אלע גרויסע, פון אונז שטאַמען:

קינסטלער אויף געביטן אלערליי
מעדעצין, פילאָזאָפיע, סקולפּטור,
כעמיע, פיזיקע, קונסט מאַלעריי,
מוזיק, פּאָליטיק, שאַך, ליטעראַטור.

משה רבנו — פון אונז אַרויס געקומען.
דוד, שלמה, ישעיה און עמוס.
אין אַלע דורות, — נייע — געקומען:
ישו, רמבם, שפּינאָזא, מאַרקס!

עקיבא, בן יוחאי, בעל שם, רמבן,
פלאַוויוס, דן יוסף, אַרי, גבירול
אַברבנאל, קאַראָ, שלה, יצחק אלחנן,
בעל הטורים, מהרשאָ, רדק, אַלפס, מהרל.

רשי, יהודה הלוי, היינע, טשייקאָווסקי.
קאַך, ערליך, פרויד, מעטשניקאָוו,
מענדלסאָן, לוצאַטאָ, לאַסאַל, אנטאקאָלסקי,
מאַפּו, מענדעלע הערצל סאָקאָלאָוו.

ראַשעל, בערנאַרד, קאַמינסקי, טשעפּלין,
משה העס, זאַנגוויל, ווערפל, נאָרדוי,
מימון, מונטיפיאָרי, ד׳יזראעלי, גאָרדין,
אייגער, זאַמענהאָף, בובער, ראַטענוי.

גרעץ, מאיר בער, אוירבאַך, לעמאַן,
פיק, ברעסלויער, בן עמי, פּינסקער,
בן יהודה, פויכטוואַנגער, וואַסערמאַן,
טאלער, פרענקל, עמיל לודוויג, קלויזנער.

רעסנער, צווייג, ריינהאַרדט, בערגנער,
שניצלער, ניימאַן, צאַנדעק, וואָראָנאָוו,
מאַיעסעוויטש, לעמבערג, בראַנדעס, קאַרטנער,
שאַץ, פּינסקי, רייזן, ברענער, דובנאָוו.

ליבערמאַן, רעדינג, סעמיועל, באַרדיטשעווסקי,
איינשטיין, ווייצמאַן, בענדערמאַן, אַנסקי,
שלום עליכם, פּרץ, עפּשטיין, פּיליכאָווסקי,
בלום, מאָנאַש, בעלישע, ביליג, ווינטשעווסקי.

הערשנבערג, ראָזענפעלד, חפץ, יהואש,
צעדערבוים, גאָלדפאַדן, ביאַליק, שפּירא,
גליצנשטיין, הובערמאַן, מנוחין, אַש,
באָרוכאָוו, בערגסון, זינגער, לוריא.

נאָך און נאָך — אונצעליגע נעמען!
אמתע שמאַנט פון די מענשהייט!
מ׳דאַרף זיך אַבסאָלוט ניט שעמען:
צו פאָדערן, פולע גלייכהייט!

פון דער וועלט, — די גרויסע,
פאַר אונזער פאָלק דעם קליינעם,
וואָס שטאַמט פון סעמיטישע ראַסע,
גלייכע רעכט, מיט יעדן איינעם.

מיר זענען אַבסאָלוט, ניט מינדערווערטיג!
דאָס — האָבן אויסגעטראַכט ווילדע אידיאָטן!
מיר זענען ציוויליזירט, פעאיג און טעטיג!
זיי טוען בלויז פון אונז שפּאָטן!

אַ פֿאַקט — מוז ווערן אנערקענט!
פֿון די באַקאַנטע נאָבל פּרעמיע!
בילדן מיר — דרייצן פּראָצענט!
פֿאַר ליטעראַטור, פיזיקע און כעמיע.

טראַץ, פֿון די מענשהייט, מיר זענען,
נאָך וויינציגער, פֿון איין פּראָצענט,
דאָס באווייזט — ווער מיר זענען,
דאַרום מוזן מיר ווערן אנערקענט!

אַלס פֿאָלק — מיט פֿעלקער גלייך!
מיר זענען ניט ערגער פֿון בעסטן!
פֿון די שטאָלצע אַריער — פֿון אייך!
מיר קענען זיך נאָך פֿאַרמעסטן!

מיר פֿאָדערן: — איר מוזט אנערקענען!
מיר ברענגען די וועלט, גרויסע נוצן!
טוט זיך מיט אונזער קולטור באַקענען!
וועט איר אויפהערן — צו העצן:

אויף די אומשולדיגע שוצלאָזע יידן!
ביטע, אין נאָמען — פֿון קולטור!
לאָזט שוין דאָך רועו אין פֿרידן!
דאָס פֿאָלק — פֿון די אַלטע קולטור!

מיט קיין זאך — מיר שטאָלצירן,
מיר ווילן ניט באַהערשן קיינעם!
מיר ווילן בלויז — ניט קראַפּירן!
נאָר לעבן, מיט אלע אינאיינעם!

פּאריז, 1937

א בקשה צו די זון

כ'האָב צו דיר אַ בקשה גאָלדענע זון,
מיין ליבע און טייערע ליכטיגע באַבעשי,
אונזער ערד, איז דיינע, אַ יונגערע טאָכטער,
און זי — איז, מיין אומגליקליכע מאַמעשי.

דאַן בין איך דאָך דיין אייניקל, ליבע זון,
און אַן אייניקל, מעגסטו דאָך דערציילן:
די אומגעשריבענע געשיכטע פון אונזער לעבן,
מאַך עס שנעל, ווייל כ'מוז זיך איילן.

דאָס לעבן פון דיינע אייניקלעך איז זער קורץ
אונזער גאַנץ לעבן, — ביי דיר, — איין שטונדע.
כ'קען ניט קוקן, אין דיין פנים אריין — א חוץ,
בלויז אויף אַ פערטל, פון אַן ערדישע סעקונדע.

דאַרום, ווענד איך צו דיר מיין פנים
ליבע זון, און איך קוק אין אַ זייט,
דערצייל מיר וואָס עס האָט פאַסירט לפנים;
מיט אַ מיליאָן יאָר צוריק — העט ווייט!

ווען דיינע אייניקלעך, די ערדישע קינדער
זענען אין אורוועלדער נאַקעט ארומגעלאָפן,
פון אַגריקולטור, קיין אַנונג — אירע קינדער,
אונטער אַ דאַך — זענען זיי ניט געשלאָפן.

ווי אַזוי האָבן דיינע אייניקלעך דאַן געלעבט
זענען זיי אויך געווען צעטיילט אויף ראַסן? —
האָבן זיי אויך צו פאַרשקלאַפונג געשטרעבט?
האָט דאַן אויך עקזיסטירט הערשענדע קלאַסן? —

איך גלויב ליבע באַבעשי, — אז דעמאָלט:
האָסטו אַ צופרידענע געקוקט אויף דיין טאָכטער,
און אַלע דיינע אייניקלעך, זער גוט געוואַרימט!
און זיי האָבן געלעבט, מיט זאַרגלאָזן געלעכטער.

האָבן צייטנווייז איינער דעם אַנדערן אויפגעפרעסן;
פאַר שרעקליכן הונגער און גרויסן צאָרן,
מיט חיות אין דזשאַנגלס — נאַקעטע, דאַן געזעסן,
געפרעסן, חיות און גראָז — קיין קאָרן.

געקוקט אויף דיינע אייניקלעך האָסטו מילד,
זיי זענען פרימיטיוו — אָבער ערליך, געוועזן!
געברוינט, געשוואַרצט זייער הויט, מיט געדולד,
נאָר קיין אַנונג — פון שרייבן, לעזן!

ביסט ניט זער צופרידן געווען — אפשר?
דיינע אייניקלעך זענען נאָך געווען ווילד.
זיכער געהאָפט, צו האָבן נחת שפּעטער.
אָט האָסטו היינט אַזאַ שרעקליך בילד!

אויף זייערע פיס, — בערך — אַ מיליאָן יאָרן.
שוין דערגרייכט הויכע קולטורעלע וויסנשאַפט,
אין די לופט פליען — אונטערן וואַסער פאָרן,
און איינער דעם אַנדערן נאָך אַלץ פאַרשקלאַפט!

יאָ, דאָס אַלעס — טוסטו זען און הערן!
דאַרום, באַהאַלטסטו אָפּט דיין ליכטיג פנים,
און וויינסט, מיט אזוי פיל — רחמנות טרערן!
צוליב דיינע שלעכטע אייניקלעך — די נאַראָנים!

זאָג מיר באָבעשי — אַט אַ דיזע סימנים,
פאַר גרויס צער — אָדער טיפע עלטער?
די קנייטשן און שוואַרצע פלעקן אין דיין פנים,
איאָ? — ווערסט צו דיינע אייניקלעך קעלטער:

ווייל ניט בעסער — פון די ווילדע היידן!
קיין שאַנדע, פאַר דיינע ליכטיגע בליקן!
אין דיין געגנוואַרד, זיי רויבן מאָרדן!
איינער דעם אַנדערן אָן אורזאַך דערשטיקן!

ליבע זון, אפשר איז דיר אַ וווּנדער?
וואָס אונזער מוטער־ערד, זיך ניט אַריינמישן;
צו מאַכן שלום צווישן אירע קינדער?
זיי קענען איר אַליין — אויך אָפּווישן!

זיי האָבן איר שוין באַלד פּאַראַליזירט!
מיט דיין טאָכטער, האַלט זער ניט גוט!
די מוטער ערד, ווערט אַבסאָלוט רואינירט!
ס'רינט אויף איר — אירע קינדערס בלוט!

די קינדער זענען געוואָרן שרעקליך פאַרדאָרבן!
זיי האָבן זיך צוטיילט, אויף ראַסן און קלאַסן!
באַנדיטן, מערדערס, פירערשאַפט, זיך דערוואָרבן;
פאַרפירט און פאַרשקלאַפט די אַרבייטס־מאַסן!

און אום צו פאַרטושן — די שקלאַפנס ליידן
צו מאַכן פאַרגעסן, זייער אייגענעם חורבן
האָבן זיי גענומען די שוצלאָזע יידן!
און געמאַכט זיי — פאַר דעם קרבן.

מ׳פייניגט זיי, מ׳מאַכט זיי שרעקליך צו שאַנד!
ווייל, קיין אייגענעם יידישן קאָנסול — די יידן!
פאַריתומטע — פארטריבענע פון זייער לאַנד!
מ׳לאָזט זיי נעבעך ניט לעבן — אין פרידן!

אין מענכע לענדער, — טאָלערירט מען זיי נאָך
איינצעלנע — ווייזן אויך סימפּאַטיע אַרויס
און ביי מענכע פעלקער — אוי אַ בראָך!
מ׳שלאָגט, מ׳מאָרדעט, מ׳טרייבט זיי ארויס!

באבעשי, פון אָפּגרונד — רוף איך צו דיר, ליבע זון!
באַשטראָף די שלעכטע קינדער, פון דיין טאָכטער ערד!
די יידן זיי פאַרפייניגן, און מאַכן אַ ספּאָרט דערפון!
דערשלאָגן שוואַכערע פעלקער, מיט זייער שווערד!

לאָז אַרויס פייערדיגע שפּיזן — דיינע פינגער
פאַרברען זייערע תבואות פון די פעלדער!
מאַך זיי פאַר בעטלערס — גאַסן־זינגער,
פאַרברען זייערע סעדער און וועלדער!

טריקן אינגאַנצן אויס אלע זייערע טייכן!
פייניג זיי, מיט דורשט און הונגער!
וועסטו זיי אפשר — בעסער מאַכן.
אָדער אפשר — וועלן זיי ווערן קליגער?

וועלן אויפהערן שלאָגן, שוואַכערע פעלקער,
מער ניט פייניגן, די אומשולדיגע יידן!
די מאַסן וועלן באפרייט ווערן פון אונטערדריקער
דאן וועלן דיינע אייניקלעך, לעבן אין פרידן!

קיין אונטערשיד ניט מער – צווישן ראַסן!
אַלע ערדישע קינדער וועלן זיין גלייך!
ניט מער עקזיסטירן – קיין הערשנדע קלאַסן!
און ניט מער – קיין אָרים און רייך!

פאריז 1938

דייטשלאנד און די יידן

מיר האָבן היסטאָרישע רעכנונגען מיט איר,
נאָך פון קורץ נאָכן חורבן בית שני!
שוין דאַן, זענען מיר געווען געסט ביי איר,
זי איז געווען זער אַ ווילדע אַן אומריינע!

אין יענע אַלטע, זער פּרימיטיווע צייטן:
קיין וווּנדער – זיי זענען געוועזן שלעכט.
און שפּעטער – שוין ציוויליזירטע צייטן;
אויך אונז ניט געגעבן קיין שום רעכט.

זי האָט אונז פאַרשלאָסן אונטער געטאָ מויערן,
די עלעמענטאַרסטע רעכט אונז ניט געגעבן,
נאָר האַנדלען מיט סמאַטעס – און טרויערן,
אויך דאָס רעכט – צו נעמען זיך דאָס לעבן.

געמוזט טראָגן אַ שענדליכע לאַטע אַ געלע!
דערמיט געווען באַצייכנט, אַלס שמוציגע יידן!
אַ ייד און אַ שווייַן – האָט קיין זעלע.
אין דייטשלאַנד – קיינמאָל געהאַט קיין פרידן!

ווען ס'האָט די שוואַרצע מגפה אויסגעבראָכן:
האָבן כלומרשט די יידן — די ברונעמס פאַרסמט.
דאַן האָבן זיי טויזנטער יידן דערשטאָכן!
אויף טריט און שריט זיי פאַרדאַמט!

אין יעדן דור און אין יעדן לאַנד!
אונז געמאַכט צו שפּאָט צו שאַנד.
די ערגסטע אָבער, איז געווען דייטשלאַנד!
זי — די ערשטע, געהויבן אויף אונז איר האַנד.

מיט זיבן הונדערט זעכציג יאָר צוריק, פיל יידישע קהילות
געשאָכטן, דערטרונקן, לעבעדיג באַגראָבן, געהאָנגען, פאַרברענט.
נירנבערג און וואָרמס — האָבן דאַן אָפּגעריכט יזכור תפילות,
די דאָזיגע מלאכה, האָבן די דייטשן שוין דאַן גוט געקענט!

שפּעטער, איז אויפגעשטאַנען — אַ ווילדער העקער,
אים, זיך פאַרגלוסט אַלע יידן אומצוברענגען!
דער דאָזיגער ווילדער צורר היהודים שטעקער!
אויך דאַן פיל יידן געמאָרדעט, געהאָנגען!

אין דעם ציוויליזירטן ניינצנטן יאָר־הונדערט,
די מענדלזאָנס, היינע, און מאַרקס, מיר האָבן פאַרמאָגט,
הערט און שטוינט, — אָדער זיך וווּנדערט
דייטשלאַנד האָט אונז פאַר די וועלט פאַרקלאָגט!

זי האָט אַ ווּיסנשאַפטליכן אַנטיסעמיטיזם געשאַפן,
מיט זער פיל שמוציגע בלבולים אויסגעטראַכטע!
געגן קאַרל מאַרקסן — געשאַרפט אירע וואָפן.
די שנאה צו יידן — געוואָרן אַן אויפגעוואַכטע!

נאָך די גרויסע רעוואָלוציע — אין פּאַריז,
האָט אונז דייטשלאַנד אויך עמאַנסיפּיצירט.
זער פיל, אַ דאַנק מענדלזאָנען — דעם ריז.
אונזער שמחה האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט!

אָט איז געקומען אַזעלכעס וואָס קיינמאָל געוועזן!
פון אַלע צייטן, דער גרעסטער צורר היהודים!
ער — גייט די יידן פּראַגע זער ראַדיקאָל לעזן!
ער וויל אינגאַנצן צו פליקן דעם יידישן פּאָדים!

אונזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט:
כל המיצר ישראל נעשה ראש!
היטלער האָט די יידן שרעקליך געפּלאָגט!
איז ער געוואָרן גרעסער פון מאַרשאַל פאָש!

פון מינכענער ביר קעלער געוואָרן אַזוי דערהויבן!
אַ שמוציגער שטובן מאַלער, אַ קאַלכער, שמירער!
אַ סאַדיסטישער קאַפּראַל — ווער קען דאָס גלויבן!?
אַ פינסטערע בריאה, געוואָרן דייטשלאַנדס פירער!

דער יידן האַס, אין אים שרעקליך געברענט!
צו פאַרניכטן יידן, זיין ערשטע אויפגאַבע געווען,
אַ טויט די יידן! — גלייך געקלעפּט אויף אלע ווענט,
דער גרויסער אומגליק, באַלד און גיך געשען!

אין פערלויף פון עטליכע געציילטע וואכן!
זענען די יידן אין דייטשלאַנד געוואָרן צובראָכן!
געשעפטן אויסגעליידיגט, פענסטער אויסגעבראָכן,
געשלאָגן אָן שום אורזאַך, מיט מעסערס געשטאָכן!

געזינגען: ווען יידיש בלוט פון דעם מעסער טריפט
דאַן — גייט עס נאָך אזוי גוט!
די נאַכט פון דעם לאַנגען מעסער — זי ריפט:
מיר ווען זיך באָדן אין יידישן בלוט!

די מיטלאַלטערליכע געלע־לאַטע צוריק איינגעפירט,
יידן פון די הויכשולן, געשלאָגן ארויס געטריבן!
אין די שולן — שענדליכע געטאָ־בענק איינגעפירט!
די פרעסע, שרעקליכע העץ־אַרטיקלען געשריבן.

מאַסנווייז, אומשולדיגע יידן ארעסטירט!
דערשאָסן, פאַרן האַלטן די האַנט אין טאַש.
אויפן גרעסטן פראָסט אונטערן הימל געפרירט!
געלאָזט וויסן, טויט — אַהיים געשיקט זיין אַש!

אין קאָנצענטראַציע לאַגערן פארפייניגט צום טויט!
עס העלפט ניט קיין וויינען אָדער בעטן!
נאַרונג: שמוציג וואַסער — אַ דאַר שטיקל ברויט!
טייערע, איידעלע מענשן, מיט די פיס געטרעטן!

תמחה את זכר עמלק, שטייט געשריבן,
שוין לאַנג פון אים קיין זכר געבליבן!
נייע, — פיל ערגערע האָבן זיך פאַרקליבן!
זאָל עס ווערן אין שוואַרצע ביכער פאַרשריבן!

עמלק איז געוואָרן פארניכטעט, אָפגעמעקט,
ווייל — אויף אונז זיינע הענט געהויבן.
די דייטשן, האבן זיך פיל מער באפלעקט:
אָן אַ מלחמה, — אונז פאַרניכטן, בארויבן!

זיי האָבן זיך זער טרויעריג באַרימט געמאַכט!
אין אנפאַנג — האָבן זיי אונז בלויז פאַראַכטעט,
שפּעטער: טויזנטער יידישע קהלות חרוב געמאַכט!
עטליכע מיליאָן יידישע נפשות אויסגעשלאַכטעט!

און ניט געשלאַכטעט אזוי פּשוט גלאַט!
געצווינגען באַגראָבן לעבעדיגערהייט זיין טאַטן!
די בלוטיגע דייטשן — מיט יידיש בלוט, ניט זאַט!
פון די וועלט געשיכטע; די גרויזאַמסטע טאַטן!

קליינע קינדער, לעבעדיגערהייט, אויף צוויי צוריסן!
מיט באַיאָנעטן אויסגעשטאָכן פיל יידישע אויגן!
אויער רינגען, צוזאַמען מיט די אויערן אָפּגעריסן!
קליינע מיידלעך געשענדעט, פאַר די מוטערס אויגן!

הונדערטער טויזנטער יידן מיט גאַז פאַרסמט!
אין וועלדער, קעלערן, אין פראַכט וואַגאָנען פאַרמאַכטע!
אָן אורזאַך געשלאָגן, צומזיקט און פאַרדאַמט!
ארעסטירט און געשאָסן פאר בלבולים אויסגעטראכטע!

אין קאָנצענטראציע לאגערן צום טויט פאַרפּייניגט!
מאַסן פאַרטריבענע אומגעקומען אין קיינעמס לאנד!
פיל דייטשע שטעט פון יידן שוין געריייניגט!
און מ׳האַלט נאָך אין איין רייניגן נאָכאַנאַנד!

אין די געשיכטע, ניט פאַרהאַן קיין שום פאַרגלייך!
שפּאַניע האָט אויך אַמאָל די יידן ארויסגעטריבן,
אָבער יעדער ייד, וועלכער געוועזן רייך,
זיין פאַרמעגן: קיין טייל דאָרט פאַרבליבן!

אַבער היינט — די נאַצי דייטשלאַנד וואָס טוט?
פאַרטרייבט מיט אַ האַנט־פּעקל, און צען מאַרק!
באַרויבט — און פאַרגיסט זייער אומשולדיג בלוט!
ווער ס׳קען ניט לויפן גיך — אַ קויל אין קאַרק!

ניט פון אונטער זייער הערשאַפט — ארויס.
נאָך פוילן — אַ גיגאַנטישע שעכט הויז געוואָרן!
מיליאָנען — פון גאַנץ אייראָפּאַ — אַהין אַרויס.
דאָרט — פריי אויס געגאָסן דער צאָרן.

קיין שום ביישפּיל — אין די וועלט געשיכטע!
מאָסן — געצווינגען צו גראָבן פאַר זיך אַ קבר!
באַגראָבן לעבעדיגערהייט! — אין רייען געדיכטע!
הערנדיג, — גרוי, — פאַרגליווערט יעדעס אבר!

דער כוליגאַניזם געוואָרן אַזוי אַנטוויקלט!
אַלס אמתע מענשנפרעסער! זענען זיי רייף.
פון טויזנטער פעטע יידן, ס׳פלייש כעמיש געפּיקלט
די דייטשן מאַכן פון זייער פעטס זייף!

צעמאַלן אין מאַשינען אזוי ווי פּאָדער:
די ביינער פון מענער, פרויען און קינדער!
מיט דעם דאָזיגן — באַמיסטיגן זייערע פעלדער!
קאַלט בלוטיג מענשן־פרעסער — קיין ווינדער!

זאָל דאָס ווערן פאַרשריבן צום שענדליכן אַנדענקען!
די יידן — מעגן דאָס זיכער אייביג געדענקען!
פון דאָזיגן בלוט — וועלן זיי קיינמאָל זיך אָפּשווענקען!
אין דאָזיגן בלוט — וועלן זיי ווערן דערטרינקען!

אַ פֿאָלק פֿון איבער־מענשן — זער הויך אינטעליגענט!
פֿון דעסטוועגן — אפילו קיין ל״ו צדיקים!
מעגן זיי ווערן אָפּגעמעקט, פֿאַרטיליגט, פֿאַרברענט!
אַזאַ פֿאָלק, פֿון — אַכציג מיליאָן שדים מזיקים!

יידישע קעפּ, האָבן דייטשלאַנד גרויס געמאַכט!
פֿון יידן — זאָל זי מער גאָר ניט האָבן!
מיר׳ן פֿאַרט מוזן ווערן אויסגעלייזט, אויפֿגעראַכט!
און דייטשלאַנד, — וועט ווערן טיף באַגראָבן!

בלוט דורשטיגע כוליגאַנעס פֿון — איבעראַל!
אומגעברענגט מיליאָנען שוצלאָזע אומשולדיגע יידן!
צוליב אייער בעסטיאַלישן, נאַצי־אידעאַל:
צו הערשן, — צושטערט אַלוועלטליכן פֿרידן!

ניט וויינען — אויף דעם גרעסטן — יידישן חורבן!
פֿאַרשרייבן — די וועלט דערציילן — גאַנצע פּעק!
דאָס דייטשע פֿאָלק — געוואָרן אַזוי פֿאַרדאָרבן!
זיי ווילן מאַכן — מיט אַלע יידן אַן עק!

די „זקני ציון״ און „מיין קאַמף״ — מיט אַזעלכע תורות,
גענומען אויף אונז העצן, — די דאָזיגע פּיקסן,
על שלשים ועל רבעים — ביז פֿיר דורות!
וועלן מיר אויף זיי — צילן אונזערע ביקסן.

מיר שווערן, איר צו לייגן אין האַרבסטן חרם!
קיין שום מגע ומשא — מער ניט האָבן!
מיר שווערן צו נעמן נקמה אָן די ממזרים!
פֿאַר אונז, — שוין טויט — און באַגראָבן!

געלעמט זאָלן ווערן דעם יעניגן ייד זיינע הענט!
ווערלכער וועט וועלן מיט דייטשלאַנד האַנדלען!
זאָל זי ווערן רואינירט, פאַרוויסט, פאַרברענט!
אין אַ מדבר — דאַרף מען איר פאַרוואַנדלען!

פאַרשניטן זאָלן ווערן דעם יעניגן ייד זיינע פיס!
ווערלכער וועט גלוסטן — נאָך דייטשלאַנד צו פאָרן!
מעג זי שוין צו אונז רעדן נאָך אַזוי גוט און זיס!
אין חרם — אויף דורות, — הונדערטער יאָרן!

ציוויליזירטע קאַניבאַלן, מיט מיליאָנען יידן געמאַכט אַן עק!
מיר וועלן ביי יעדע שמחה — ביי יעדע מאָלצייט עסן!
דערמאָנען זייער גרויל — זייער שרעקליכן שאַנד־פלעק!
אונזערע אייניקלעך דערציילן, ני פאַרגעבן ני פאַרגעסן!

תל־אביב, כ״א חשון התש״ב, 1942

איבער מענשן

ניטשע האָט געשריבן – געפּרעדיגט,
ר׳האָט עס פון אונזער תורה גענאַשט,
ניט ווילנדיג – דערמיט אונז געשעדיגט!
ס׳דייטשע פאָלק איז געוואָרן איבעראַשט:

ווי קומט גאָר אַזאַ זאַך – צו יידן?!
שוואַכע וועלכע לײדן – אויף מורידין.
מיר, די אמתע אַריער קענען געבן אַ קלאַפּ!
פיל בעסער פון פאָלאַק – רומענער, קאַצאַפּ!

היטלער זאָגט טאַקי – זיי זענען איבערמענשן!
די אויסדערוויילטע בלאָנדע אַרישע ראַסע!
זיי, – דאַרפן הערשן איבער אַנדערע מענשן!

זיי באַזיצן באמת, מעלות טובות – אַ מאַסע!
אומשולדיגע מענשן – קענען זיי גוט צעקאַלן!
מאַכן פון זיי שפּייז – ווי אמתע קאַניבאַלן!

תל אביב 1942

היינריך היינע

די גאַנצע וועלט — האָט דעם היינע:
אַלס גרויסן דיכטער, פּאָעט, אַנערקענט!
בלויז די באַנדע — ווילדע געמיינע!
די נאַציס, האָבן אים פאַרברענט.

ניט זיין קערפּער — ניט זיין נשמה.
אַ דאָס באַווייזן — שוין קיינמאָל קענען!
גענומען מיט צאָרן, אַ ווילדע נקמה!
אין דייטשלאַנד, זיינע ביכער פאַרברענען.

פאַר זיין „דויטשלאַנד״ — אַ ברילאַנטן ליד!
ער האָט דאָס אין פּאַריז — געשריבן.
דער עלענדער — צוריק־געוואָרענער־ייד!

זיי וואָלטן אים, אין קבר צוריבן!
זיי האָבן טאַקי — זיין קבר געשענדעט!
אַזוי ווייט, ווילדע נאַציס פאַרבלענדעט!

תל אביב 1942

עמלקים

תמחה את זכר עמלק.
פיל ערגערע עמלקים, היינט!
זיי לערנען מיט אונז בלק,
אונזערע לעבנסגעפערליכע פיינט!

דיזע עמלקים — אַן אַ געוויסן!
אויסוואָרצלען, די דאָזיגע פעסט!
זאָלן אַלע — הערן און וויסן:
לייגט זיי אין חרם פעסט!

מידה כנגד מידה, די עמלקים!
ראש תחת ראש עין תחת עין!
זייט מחרים — די רוצחים רקים!
דאַן, וועלן זיי מרור — קייען,
זיי פעסט אייניג! — ישראליק,
וועסטו באַזיגן יעדן עמלק!

פאריז 1937

בערנארד לעקאש

געווידמעט דעם פאריזער ליק״א פרעזידענט

אין יעדן דור, — אין קריטישע צייטן:
מעלדן זיך רעטערס, העלדישע יידן,
זיי קומען צו אונז — פון ווייטן
קעמפן פאר אונזער וואַלזיין און פרידן.

דער מוטיגער ליק״א פרעזידענט
לאָזט ניט פון אונז חוזק מאַכן.
געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט!
זיין מויל, זיין פעדער, שטאַכן!

ער אָרגאַניזירט אַ העלדישע שלאַכט!
העלפט געווינען — דעם שווערן קאַמף!
פאַרשווינדן וועט די פינסטערע נאַכט!
פאַרשוועבן ווי רויך, ווי דאַמף!
יישר־כח בערנאַרד לעקאש, חזק ואמץ!
צווישן יידישע העלדן, אַ בכבודיגן פלאַץ!

פאריז 1938

נצח ישראל לא ישקר

מיליאָנען שונאים אונז שימפן.
זיי געבן אויס מיליאַרדן געלט!
דאָס יידישע פאָלק צו באַקעמפן,
העצן אויף אונז די גאַנצע וועלט!

דאָס באַווייזט — מיר זענען אַ כח.
ניט אַ פשוטער, אַ ריזיגער קראַפט!
זער אַ פעאיגן — אַ שאַרפן מח!
ווידערשטאַנד פעאיגן לעבנס זאַפט.

פרעה, בלעם, המן, און שטעקער:
געוואָלט יידן אומברענגען אלע יאָרן!
די מאָדערנע גיפט מישערס, פעסט אָנשטעקער:
וועלן אויך באַלד — אַהיים פאָרן.

מיר וועלן היטלערן, אויך איבערלעבן!
און ענדליך אַמאָל — נחת דערלעבן.

פאריס 1938

געבורט קאנטראל

אויב זיין אַ פֿאָלק מיט פעלקער גלייך!?
מוזן מיר האַלטן הייליג דעם פֿאַראָל:
קוק ניט – וואָס דו ביסט ניט רייך,
פֿאַר קיין פֿאַל – געבורט קאָנטראָל!

אַ שרעקליכן חורבן! געמאַכט פון פֿאָלק ישראל,
זעקס מיליאָנען! מיט גאַז, מיט פייער פלאַם!
אונזער מאָטאָ – ווי ביי אדם הראשון אַמאָל:
פרו ורבו – מערט זיך, כדגי הים!

להכעיס אונזערע שונאים, זאָלן זיי פּלעצן!
זאָלן זיי, מאַכן אַנאַניזם – און קרענקן!
מיר מוזן פֿאָרטפלאַנצן, ס׳לעבן פֿאָרטזעצן!
צו דריי מיט אַמאָל, דעם דעפיציט, – צו דעקן!

מיר טאָרן ניט נאָכטאָן – די פּראַנצויזן!
מיר מוזן קינדלען – אפילו – אָן הויזן!

תל אביב 1945

דייטשלאַנד

פריי, נאָך היינריך היינע

דייטשלאַנד איז נאָך אַ קליין קינד
דאָך, די זון איז זיין אַם,
זי זייגט עס ניט מיט שטילע מילך
זי זייגט עס מיט ווילדן פלאַם.

בײַ אַזאַ נאַרונג וואַקסט מען שנעל
און ס׳בלוט קאָכט אין די אָדערן
איר שכנישע קינדער: היט אייך!
מיט דעם יונגען פאַרשוין צו האָדערן.

עס איז אַ געפערליך ריזעלע,
רייסט אויס דעם באָדן די אייכע
שלאָגט אייך דערמיט דעם ריקן־וונד
און די קעפּ — ווינדל ווייכע.

דעם זיגפריד ליבט ער דעם אײדעלען יונגלינג
פון דעם, מיר זינגען און זאָגן.
ער האָט נאָכדעם, ווען געשמידט זיין שווערד
די קאָוואַדלע אין צוויי צעשלאָגן.

יאָ דו וועסט איינס ווי זיגפריד זיין
און טויטן דעם העסליכן דראַכן,
הייזאַ! ווי פריידיג פון הימל אַראָפּ
וועט דיין פרוי אַם לאַכן!

דו וועסט אים טויטן, און זיין אוצר:
דעם לאַנדס ערע באַזיצן,
הייזאַ! ווי וועט אויף דיין הויפּט
די גאָלדענע קרוין בליצן!

לאָנדאָן 1922

אַטאָמען

אין פּאַריז האָבן געלעבט צוויי אידעאַליסטן:
מאַרי, מיט איר מאַן, דאָקטער קירי זשיל,
זיי האָבן ניט געאַרבייט פאַר קאַפּיטאַליסטן,
פאַר די מענשהייט! — פלייסיג און שטיל.

די ענטדעקער פון ראַדיום אַקטיוויטעט
געחלומט, צו היילן, — צו רעטן מענשן,
אַטאָמען פאָרשונג: — זייער ספּעציאַליטעט,
זיי, דאַרף מען שעצן און בענשן.

דאַן, האָט נאָך קיינער געחלומט צו מאָל:
אַז, פון די ענערגיע — פון אַטאָם
וועט מען מאַכן אַזעלכע באָמבעס אַמאָל
וועלכע וועלן איפּטרייסלען דעם תהום!

און מיטן דאָזיגן, דראָעט מען די וועלט!
און ספּעציעל רוסלאַנד — די פאַרבינדעטע.
ס׳כאַפּט אַזש אָן די היץ און קעלט!
זי — איז דאָך אַ שרעקליך פאַרוואונדעטע!

געוואָרן רייך און שטאַלץ! — אמעריקע
אַ גרויסע אימפּעריע! — וויל זי ווערן.
אוי, וועט זי באַקומען קלעפּ! — געהעריקע.
די בערן — וועלן איר איבערקערן!

רוסלאַנד האָט געבלוטעט אָן אַ שיעור!
פיל מיליאָנען לעבנס פאַרלוירן!
נאָך מער האָבן געליטן יידן, — מיר
און דאָך — פאַרמאַכט מען, די טויערן:

פון ארץ ישראל, די נאַציאָנאַלע „היים".
פייערליך צוגעזאָגט — און ניט געגעבן,
מ׳טרעט אויף אונז, ווי אויף ליים!
גאָר קיין ווערט! — אונזער לעבן.

די מאָדערנע פּאָליטיקער דרייען מיטן צונג:
ווי עס לוינט צו זייערע אינטערעסן.
באַלפורס דעקלאַראַציע, באַגראָבן אויפן שפּרונג!
פייערליכע צוזאָגן, זיי פאַרדרייען — פאַרגעסן!

אַ דריטע וועלט שחיטה! אַבסאָלוט אומפאַרמיידליך:
כל זמן די אימפּעריעס וועלן ניט פּלעצן.
צו שלעכט, צו געמיין! די פּאָליטישע דריידלעך,
צו פיל! איין פאָלק אויף דעם צווייטן העצן.

די וועלט וועט זיכער דערשטוינט ווערן!
ווען מ׳וועט רוסלאַנד קריג דערקלערן.
ניט לאָזן וועלן זיך די רוסישע בערן
די גאַנצע וועלט, וועט דאַן חרוב ווערן!

דער קאַפּיטאַליזם, האָט שוין באַנקראָטירט!
די מאסן, בהמות! — מעגן פרעסן גראָז.
פון פאַשיסטישע דעמאַגאָגן — פאַרפירט!
נאָך אַביסל, — וועט פון אונז ווערן גלאָז!

מענשן, הייזער, זאַמד און שטיינער,
אויסגעמישט, דורכן שפּאַלטונג פון אַטאָם.
אַ קאַשע פון ערד, מיט בלוט און ביינער!
אַ תהו ובהו — די ציוויליזאַציע, אין תהום!

אום צו פאַרמיידן אַזאַ שוואַרצן סוף!
פון די ענטוויקלטע ציוויליזירטע געזעלשאַפט.
דאַן גוט באַטראַכט, דעם דאָזיגן סטראָף
דורכן סאָציאַליזם — מלחמות אָפּגעשאַפט!

תל אביב 1945

נקמה

דאָס פאַרגאָסענע בלוט, פון אומשולדיגע יידן!
מענער, פרויען און קינדער, זעקס מיליאָנען!
אָן אַ נקמה — ניט רוען אין פרידן!
מ׳קען דאָך ממש אַראָפּ פון זינען!

ניט ווילנדיג — מוז מען אָפּט דערמאַנען
דענקענדיג וועגן די דערמאָרדעטע ברידער
פאַר אונזערע אויגן — די טויט־באַנען!
זיי אַריינגענאַרט — שטיל אָן געבידער.

מ׳האָט זיי אויף אַרבייט — געשיקט:
נאָך טרעבלינקע, אָשוויץ און מיידאַנעק.
לעבעדיג פאַרברענט, מיט גאַז דערשטיקט!
מיט זעקס מיליאָן יידן! געמאַכט אַן עק.

זייער געשריי, אויסהויכנדיג די נשמה:
אַ צואה — צו שארית הפליטה: נקמה!!!

תל אביב 1945

גרויס בריטאַניע

בריטאַניאַ, בריטאַניאַ, — זי הערשט איבער די וואַלן,
אַלע ימים און אָקעאַנען, אירע שיפן פאַרפלייצן!
אירע פלי־מאַשינען — איבעראל זיי קנאַלן!
כמעט אַלע לענדער — טוט זי רייצן!

אַ דריטל, פונם ערד קוגל, זי פאַרמאָגט!
איר פאָן פלאַטערט אין צענדליגער לענדער!
דאָרט ווו איר פאָן — אייביג טאָגט.
און פאַרשידן אַרטיג — דער קאַלענדאַר.

גרויס בריטאַניע, פון די היינטיגע צייטן
פארמאָגט פיל גאָלד, זילבער און שטאָל.
אויך בריליאַנטן, און אייזן — אויף קייטן!
קיין דזשענטל־לייט, ווילדע! — אַ מאָל.

זי איז באַשטאַנען, פון אַ מחנה פיראָטן!
באַרויבט שיפן, געשטערט מענשנס פרידן.
די דאָזיגע בריטנס — ווילדע באַנדיטן!
אַ קולטורעל פאָלק, דאַן געווען: מיר יידן!

די אַמאָליגע פיראָטן — געוואָרן פילאָטן!
אלע ימים, פאַרפלייצן זייערע שיפן!
מיטן כח — זיי געלונגען — געראָטן!
און מיר — ווערן אימער אָנגעגריפן!

אוי בריטאַניע, די שטאָלצע גרויס־בריטאַניע!
וועלכעס פֿאָלק איז צו איר גלייך!?
אַ וועלט־אימפעריע! — אָט אַזאַ מאַניע,
איר גלוסט צו ווערן, רייכער פון רייך!

זי איז רייך — און זער, זער גרויס!
דאָך, קען זיך מאַכן — אַ קינקל דעמינקל,
און פלוצלינג, קען זי ווערן אויס!
ווייל זי שטערט, — אונזער פיצל ווינקל!

מיר זענען געווען, אַ קולטור פאָלק אַ גרויס!
לאַנג בעפאָר בריטאַניע, געווען געבוירן!
און מיר וועלן בלייבן — אַ פאָלק אַ גרויס!
ווען זי, וועט שוין זיין פאַרלוירן!

תל אביב 1946

זשאָרעס
(עפּאָפּעאַ)

אַ גרויסער אַ ריזיגער ליכט־טורעם
זער טראַגיש פאַרלאָשן געוואָרן!
פּלוצלינג: — דורך אַ ווילדן שטורעם
וואָס האָט גערעוועט מיט צאָרן

ער האָט אַ גיגאַנטישן פינסטערן ים!
באַלויכטן — מיט זיין ריזיגן פלאַם
דאָס איז געווען — זשאַן זשאָרעס!
אַ קעמפער פאַר פרייהייט, און אמת.

אַ הומאַניש־האַרץ, און געניאַלן מח:
האָט דער שלום־קעמפער באַזעסן.
זיך געשראָקן — פאַר דעם גרויסן כח
וואָס אין קאָפּע „קרואָסאָן" געזעסן.

זיי האָבן דאָס הומאַנישע האַרץ אָפּגעשטעלט,
בלוט־דורשטיגע חיות! — געהאָט אַ נקמה.
פאַרבלוטיגט, און פינסטער געוואָרן די וועלט:
ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה!

ער האָט געוואָלט פאַרהיטן דעם וועלט־חורבן!
מיר, דאַרפן דאָס אייביג געדענקן!
ער איז געפאלן פאַרן שלום — אַ קרבן:
מוזן מיר פייערן זיין הומאַנישן אָנדענקן!

אין זיין יאָרצייט: דאַרף מען דעמאָנסטרירן,
פאַר פרייהייט, און אַלוועלטליכן פרידן!
געגן יעדע מלחמה — שאַרף פּראָטעסטירן!
און קעמפן, פאַר די באַפרייאונג פון יידן!

ירושלים 1924

שלום שוואַרצבאַרד

(עפּאָפּעא)

געווידמעט צו זיינע שלושים

בראַווער, העלדישער שוואַרצבאַרד שלום!
אומגעזעגנט, — אומגעריכט געשטאָרבן.
פיל־ווייניג: דערפילט זיין חלום! —
און זיך אומשטערבליכקייט דערוואָרבן.
פּעטלוראַ׳ן דעם מאַסן־מערדער! אָפּגערוימט,
דערשאָסן ווי אַ הונט — אין מיטן פּאַריז!
פיל אַנדערע מערדערס — געצוימט.
איינער, אַ קליינער — אַוועק געלייגט אַ ריז!
געחלומ׳ט פון אַ זעלבסט־שוץ אַ פעסטע
זיך, זער פיל פריינט דערוואָרבן!
די דאָזיגע אידעע איז די בעסטע!
כדאי: צו ברענגען פאַר איר אַ קרבן.
מ׳דאַרף שאַפן אויף זיין נאָמען:
שלום־שוואַרצבאַרד־באַטאַליאָנען.
דערמיט דערפילן זיינע טרוימען:
אַלוועלטליכע — זעלבסט־שוץ לעגיאָנען.
אַ חרפה און אַ שאַנד צו זיין פחדנים!
האָבן מיר דען ניט אַ בעסערן מח!
פון אַ סאַדיסטיש בלוט־דורשטיג־פנים!?
אויך שטאַרקער ווי זייער: אונזער כח!
אמת׳ע קראַפט: ניט אין חזיר׳שן בלוט!
ניט אין ווילדע גראָבע קולאָקעס:
קראַפט — ליגט אין העלדישן מוט!
האָט מוט: גיט שונאי ישראל מכות!
פיל העלדן צו דער שלאַכט;
ווען מען וויל — מיר פאַרמאָגן!
צו לאַנג — די פינסטערע נאַכט!
שוין צייט — עס זאָל טאָגן,

שלום שוואַרצבאָרד, וועט דינען:
אַלס אַ ווונדערבאַרער מוסטער:
פון העלדישקייט, זיך צו דערדינען:
ער, — קיין פראַזעלאָג, אַ פוסטער.

זעלבסט־שוץ

אַך: וואָס פאַר אַ שוידערליך וואָרט!
דאָס וואָרט: פאָגראָם! אויף יידן,
דאָס קען ניט האָבן קיין אָרט:
אין אַ געזעלשאַפט וואָס ליבט פרידן.
אויב אַ רעגירונג אַזעלכעס טאָלערירן!?
טאָרן מיר ניט שווייגן אַזוי געדולדיג!
וואַכט אויף! ווען אונזערע שונאים קראַפירן,
פאָגראָמען!? מיר אַליין זענען שולדיג.
ווי לאַנג וועלן מיר בלייבן פחדנים!?
פאַראייניגט זיך אַלע — אַלע, גאַנץ פעסט!
קאָמוניסטן, און אַלע מינים איסטן, למדנים,
וועלן מיר באַקעמפן די דאָזיגע פעסט!
אַנטלויפן — און דעם קאָפּ בויגן!
אַזוי האָבן געטון אונזערע עלטערן.
ניין! — צעהאַקט דעם שונא די אויגן!
און גלייכט אויס אייערע שולטערן.
פאַרקוקט זיך אויף ציגיינער בעסער!
ווארום לאָזט מען זיי צופרידן?
ווייל זיי — גיבן מיט אַ מעסער!
ניט קיין פחדנים — ווי מיר יידן.
ווען פאָגראָמען ווערן אָנגעפירט:
עס מאַכט ניט אויס פון וועמען!
טאָרן זיי ניט ווערן טאָלערירט!
מיר דאַרפן זיך גאָרניט שעמען...

צו נעמען אַליין די מאַכט אין האַנד,
אַ שטאַרקע זעלבסט־שוץ, גוט אָרגאַניזירט!
שטענדיג גרייט: איבערן גאַנצן לאַנד!
פון אַ מיליטעריש־געניטע האַנד אָנגעפירט.

מיר קענען באַקומען די שליטה,
קיין חלום — אויפן וואָר!
ניט צו לאָזן מאַכן אַ שחיטה:
אַפילו ניט רירן קיין האָר:

פון יידישע בערד און פיאות
געגן דעם אייגענעם ווילן!
ניין, ניט באַצווינגען — קיין דעות!
מ׳דאַרף ניט לאָזן — אַפילו בילן.

מיר שטאַמען פון העלדישע מכבי׳ער:
האָט קיין מורא פאַר אַ קלאַפּ!
זאָלן זיי וויסן ווער מיר זענען, ווער!
דער פּאָלאַק, רומענער, אַראַבער, קאַצאַפּ.

גיט דעם פּאָגראָמשטשיק צוריק!
ער זאָל האָבן צו געדענקען!
צוברעכט אים זיין געניק!
זאָל ער ליגן און קרענקען!

וואַכט אויף! אָרגאַניזירט זיך, היינט!
לייגט ניט אָפּ — אויף מאָרגן:
געדענקט גוט, מיינע ליבע פריינט:
מיר אליין, — מוזן פאַר זיך זאָרגן!

ווען מיר׳ן האָבן אַ פעסטע זעלבסט־שוץ
וועלן קיין פּאָגראָמען מער ניט עקזיסטירן!
וואָס מיר וועלן זיין געשוצט, — אַחוץ,
וועט מען אונז אויך רעספּעקטירן!

פּאַריז 1930

אַרמאַיסטים

כּטאָפּ! — דער לעצטער קרבן איז געפאַלן
ענדליך, האָט זיך די בלוט־באָד אָפּגעשטעלט,
די קאַנאָנען האָבן אויפגעהערט צו קנאַלן,
די פליענדע־שדים, צוריק אין זייער געצעלט.

די בלוטנדיגע־פעלקער, משוגע פאַר פרייד:
ווייל, די וועלט־שחיטה זיך אָפּגעשטעלט,
אָבער מיליאָנען! פאַרבליבן אין טרויער און לייד,
זייערע טייערסטע, טויט אויפן שלאַכט פעלד.

אפילו יענע — וואָלטן זיך אויך געפרייט
אין דעם פייערליכן אַרמאַיסטיס־טאָג:
אויב די וועלט, פון מיליטאַריזם זיך באַפרייט,
און מער ניט דערפירן צו אַזאַ קלאָג!

פעלקער: זיך געגנזייטיג אויסצושלאַכטן;
אַן אַ פאַר ווען און אַן אַ פאַר וואָס! —
די וועלט: דאַרף דאָס פאַרדאַמען, פאַראַכטן!
בלויז, גרויס־קאַפּיטאַלס־אינטערעס איז דאָס.

נאַאיווע מענטשן, האָבן געגלויבט, געמיינט:
אַז, די וועלט־מלחמה — שוין די לעצטע!
זענען אויפגעשטאַנען פאַשיסטן, דעמאָקראַטיעס פיינט...
זעט, — ניט צו ווערן קיין פאַרלעצטע!

דאָן — געוועזן באַגייסטערט: געקעמפט ווי טיגערס
ווייל, געקעמפט פאַרן פרייהייטס אידעאַל!
אָבער פאַרשפּילט — האָבן אויך די זיגערס!
עס איז קוים פאַרבליבן אַ פרייהייטס שטראַל.

פאַריז 1937

פאַרוועטעס סאַניטאַרן

(אַ מאַרש)

געווידמעט די יידישע סאַניטאַרן פון פאַריז

העי! העי! בראַווע קאַמעראַדן
פאַרוועטעס מאַרשירט! חברים סאַניטאַרן,
מיר זענען צו רעטונג איינגעלאַדן
פון אונזערע חברים קאַמונאַרן,
צו רעטן אַ מענש זיין לעבן
זענען מיר שטענדיק גרייט,
גיכע־הילף יעדן צו געבן:
זענען מיר סאַניטאַרן פאַרגעברייט.
מיר הייבן הענט — ביילן פויסטן:
ניט צום שלאָגן מיטן קולאַק;
די טעמפעראַטור מיר מעסטן,
מיר געבן צו שמעקן אַמאָניאַק:
די שוואַכע פאַרחלש׳טע לייט,
וועלכע פאַלן אַוועק פאַרשוואַכט,
מיר מאַסאַזשירן אַזוי ווייט
ביז זיי ווערן דערוואַכט.
מיר שמירן די ווונדן מיט יאָד:
רייבן די גלידער מיט קאַמפער,
מיר טאַנצן אויך אַ קאַראַהאָד;
מיט געזונד געוואָרענע קעמפער.
מיר האַמעוועוען דאָס פליסן פון בלוט,
און פרישן אויף די מידע ביינער.
מיר מאַכן עס פלינק און גוט.
אויף אונז באַקלאָגט זיך קיין איינער!
מיר סאַניטאַרן האָבן קוראַזש!
מיר שרעקן זיך ניט פאַר בלוט,
מיר טראָגן מעדיקאַמענטן, באַנדאַזש
און מאַרשירן שטענדיק מיט מוט!

פאָרוועוטס סאַניטאַרן! פאָרוועוטס מאַרששירט!
מיט אייער מעדיצינישן באַגאַזש,
אַ פאַרוואונדעטן, גיך פאַרבאַנדאַזשירט!
און ווען נויטיק? — אַ גוטן מאַסאַזש!

פאריז 1937

אתה בחרתנו

וואונדערבאַר מאַרטירער־פאָלק!
ווייל איז דיר יידעלע:
מיט דיין אייביגן מוט —
צו זינגען אַזאַ לידעלע:
מכל העמים — אתה בחרתנו.
ווען דיך איז באַפאַלן
דער מלך פון בבל, נבוכדנצר
דיך רואינירט, פאַרטריבן,
פאַרוויסטעט די הייליגע פלעצער!
דאָך: געזונגען אתה בחרתנו.
און ווען טיטוס הרשע:
פאַרברענט דיין צווייטן טעמפל,
און ברוטאַל דיך געזיגלט:
מיט דעם שקלאַפן־סטעמפל!
געזינגען העכער! אתה בחרתנו.
ווען דער אינקוויזיטאָר טארקוועמאַדאַ:
דיך געברענט אויפן שייטער־הויפן,
האָסטו גרויסמוטיג אויסגערופן
צו גאָט, אויפן דאָזיגן אופן:
שמע ישראל! — אתה בחרתנו.

ווען די ברוטאַלע דייטשן,
דיך געפּייניגט און פּאַרדאַמט
דיר געמאַכט שרעקליכע בלבולים:
זייערע ברונעס דו פּאַרסמט!
דאָך: געזונגען אתה בחרתנו.
דיך באַשמוצט מיט שאַנד־צייכנס:
בלויע און געלע לאַטעס...
געשמאַכטעט אין די געטאָ
און געהאַנדלט מיט סמאַטעס
האָסטו געזונגען: — אתה בחרתנו.
ווען כמעלניצקיס קאָזאַקן
האָבן יידישע העלזער געשניטן
אין דעם בלוטיגן יאָר ת״ח
האָסטו אַלץ ניט געביטן:
דיין לידל: — אתה בחרתנו.
ווען ווילדע קאצאפּעס האָבן געשלאָגן
אין יידישע קעפּ אַריין נעגל!
אויך דאַן האָסטו פּאַרטגעזעצט:
כאַפּנדיג זיך צו דעם — זעגל:
דיין לידל: אתה בחרתנו.
ווען באַרבאַרישע אוקראַינער
האָבן געשאָסן און געהאָנגען
אומשולדיגע יידן מאַסנווייז,
אפילו דאַמאָלט, האָסטו געזונגען:
דיין אַלט ליד: אתה בחרתנו.
ווויל איז דיר יידעלע
מיין אומשטערבליכע ראַסע!
זינגנדיג דאָס דאָזיגע לידעלע:
פּאַרגרינגערסט דו דיין משא!
זינג ווייטער: — אתה בחרתנו.

לנאָנדאָן 1922

שלאָף מײַן אוצר

(אַ וויג־ליד)

שלאָף מײַן טייער קינד, מײַן טייערער בריליאַנט!
דו וועסט זײַן אונזער רעכטע האַנט.
איי, לו, לו־לו, לו,

מיר זענען געיאָגט, געפּלאָגט, באַרויבט, פאַרטריבן!
אונזער איינציק פאַרמעגן, ביסטו בלויז פאַרבליבן!
איי, לו, לו־לו, לו,

שלאָף מײַן אוצר מיט טרוימען זיסע —
אונזער היינטיגע וועלט איז זער א מיאוסע!
איי, לו, לו־לו, לו,

דו וועסט באַשיצן די מאַמע מיטן טאַטן:
מיט דײַן טייערן פּיסקעלע און צינגל גלאַטן.
איי, לו, לו־לו, לו,

שלאָף מײַן טייער קינד מײַן זילבער מײַן גאָלד!
דיך מײַן טייער קינד, וועט יעדער האָבן האָלד,
איי, לו, לו־לו, לו,

דו וועסט זײַן אַ גרויסער יידישער אַדוואָקאַט!
וועסט העלפן דײַן פאָלק מיט ראַט און טאַט,
איי, לו, לו־לו, לו,

דו וועסט קעמפן פאַרן סאָציאַלן ציוניזם!
און וועסט באַקעמפן דעם ווילדן ראַסיזם!
איי, לו, לו־לו, לו,

שלאָף מײַן טייער קינד, שלאָף שוין היינט!
דו וועסט באַזיגן אַלע יידישע פיינט!
איי, לו, לו־לו, לו,

דו וועסט באַקעמפן, די גרויזאַמע מלחמות!
און וועסט אונז ברענגען, ישועות ונחמות!
איי, לו, לו־לו, לו,

שלאָף מיין טייער קינד, מיין אוצר ליכטיגער!
וועסטו אויסוואַקסן אַ מענש ; אַ גרויסער אַ וויכטיגער!
איי, לו, לו־לו, לו,

שלאָף שוין מיין בריליאַנט, שוין הויכע צייט!
איך האָב נאָך קיין עסן, ניט צו געגרייט!
איי, לו, לו־לו, לו,

שלאָף מיין אוצר, מיט טרוימען זיסע!
אונזער היינטיגע וועלט איז זער אַ מיאוסע!
איי, לו, לו־לו, לו,

פאריז 1938

ארײנגעפאלענע דרוק פעלערן

	עס איז געדרוקט:	עס דארף זיין געדרוקט:
	אין שער בלאַט, רעפלעקסען	רעפלעקס׳ן
זייט נומער 49	צווי שפראכן	צוויי שפראכן
" " 50	צווי שטראמען	צוויי שטראָמען
" " 53	פאראיניג זיך מיטן פאלק	פאראייניג זיך מיין פאָלק
" " 56	היים זיסע היים, פארפעלט צו שטעלן:	פריי נאָך פעין, פון ענגליש
" " 59	דער הר המוריה	דעם הר המוריה
" " 65	קאָלאָניע אודם	קנאָלאָניא אודם
" " 125	טייערע בלעטער	טייערע פלעטער
" " 140	די לעצטע צוויי שורות זענען פארטוישט	געוואָרן איינע מיט די אנדערע
" " 154	אין איינע בעפאָר די לעצטע שורה:	אן איבעריגע ק. אין וואָרט: פארווירקליכן
" " 155	די ראמאנוואס	די ראָמאַנאָווס
" " 161	אין לעצטן פערז: פיק	פיק
" " 162	אין ערשטן פערז: ניימן	נוימאן
" " 173	קאלט בלוטיג מענשן־פרעסער	קאַלט־בלוטיגע מענשן־פרעסער

א חוץ די אויבנדערמאָנטע דרוק־פעלערן איז אויך פארהאַן פיל איבעריגע און פארפעלטע נקודות.